STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02272

VEGN DI NATSIONALE MOMENTN IN DER PARTEY- UN MELUK

Joseph Stalin

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פראָלעטאריער פון אַלע לענדער, פאראייניקט זיך!

י. סטאלין

וועגן די נאציאָנאַלע מאָמענטן אין דער פּאַרטיי- און מעלוכע-בויונג

(פאָרטראַג אויף XII צוזאַמענפאָר פון רקפּ(ב) 17—25 אַפּריל 1923 י.)

Printed in USSR

פאַרלאַג „עמעס״, מאָסקווע 1933

כאַווײרימ, זינט דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע באַהאַנדלענ מיר צומ דריטנ מאָל די נאַציאָנאַלע פראַגע: דעמ ערשטנ מאָל אפנ VIII צוזאַמענפאָר, דעמ צווײטנ — אפנ X און דעמ דריטנ — אפנ XII. צי איז עס ניט אַמאָל א סימענ, אַז עטוואָס האָט זיכ פּרינציפּיעל געענדערט אינ אונדזערע מײנונגענ װעגנ דער נאַציאָנאַלער פראַגע? נײנ. דער פּרינציפּיעלער קוק אפ דער נאַציאָנאַלער פראַגע איז געבליבנ דער זעלביקער, ווי ביז אָקטיאַבער, און נאָכ דעמ. נאָר זינט דעמ X צוזאַמענפאָר האָט זיכ געענדערט די אינטערנאַציאָנאַלע סיטואַציע אינ דער הינזיכט, וואָס עס האָט זיכ פאַרשטאַרקט דאָס ספּעציפּישע געוויכט פונ יענע שווערע רעזערוונ פונ דער רעוואָליוציע, וועלכע די מיזרעכ־לענדער שטעלנ מיט זיכ איצט פאָר. דאָס איז ערשטנס. צווײטנס, האָט אונדזער פּאַרטײ זינט דעמ X צוזאַמענפאָר אויכ געהאַט אינ איר אינערלעכער לאַגע אײניקע ענדערונגענ אינ פאַרבינדונג מיטנ נעפּ. די אַלע נײַע פאַקטאָרנ מוז מענ דיסקוטירנ, אונטערציִענ אונטער זײ א סאַכאַקל. אָט אינ דער הינזיכט קאָנ מענ רײדנ וועגנ א נײַער שטעלונג פונ דער נאַציאָנאַלער פראַגע אפ דעמ XII צוזאַמענפאָר.

די אינטערנאַציאָנאַלע באַדײַטונג פונ דער נאַציאָנאַלער פראַגע. אײַכ, כאַווײרימ, איז באַוווּסט, וואָס מיר שטעלנ פאָר, מיר, אַלס סאָוועטישע פעדעראַציע, שטעלנ איצט פאָר, לויטנ ווילנ פונ היסטאָרישנ שיקזאַל, דעמ פאָרגעשריטענעמ אָטריאַד פונ דער וועלט־רעוואָליוציע. איר ווײסט, אַז מיר האָבנ צומ ערשטנ דורכגעריסנ דעמ אַלגעמײנ־קאַפּיטאַליסטישנ פראָנט און לויטנ ווילנ פונ שיקזאַל האָבנ מיר זיכ אַרויסגעוויזנ פאָרויס פאַר אַלעמענ. איר ווײסט, אַז אינ אונדזער באַוועגונג פאָרויס זײַנענ מיר דערגאַנגענ ביז וואַרשע און זײַנענ דערנאָכ אָפּגעטראָטנ און זיכ פאַרפעסטיקט אפ די פּאָזיציעס, וועלכע מיר האָבנ גערעכנט פאַר די סאַמע פעסטע. פונ דעמ מאָמענט אָנ זײַנענ מיר אַריבערגעגאַנגענ צומ נעפּ, און פונ דעמ מאָמענט אָנ האָבנ מיר דיסקאָנטירט די פאַרלאַנגזאַמערונג פונ דעמ טעמפּ אינ דער אינטערנאַציאָנאַלער רעוואָליוציאָנערער באַוועגונג, פונ דעמ מאָמענט אָנ איז אונדזער פּאָליטיק געוואָרנ שוינ ניט קײנ אָנגרײַפערישע, נאָר א באַשיצנדיקע. אַוועק פאָרויס נאָכ דעמ, ווי מיר האָבנ אונטער וואַרשע געליטנ א דורכפאַל (דעמ

עמעס דארפ מען ניט באהאלטנ), אוועק פּאָרויס האָבנ מיר ניט געקאָנט, וואָרעם מיר האָבנ ריזיקירט אָפּצורײַסנ זיכ פונעמ הינטערלאנד, און דאָס הינטערלאנד איז בא אונדז א פויערישס, און מיר האָבנ, ענדלעכ, ריזיקירט צו ווײַט צו פארלויפנ פונ יענע רעזערוונ פונ דער רעוואָליוציע, וואָס דער גוירל האָט אונדז געגעבנ — פונ די מײַרעוודיקע און מיזרעכדיקע רעזערוונ. אָט פארוואָס מיר האָבנ אינווייניק אונטערגענומענ דעמ קער אינ דער ריכטונג צומ נעפּ און אינדרויסנ אינ דער ריכטונג צו פארלאנגזאמענ די באוועגונג פּאָרויס, באשליסנדיק, אז מע דארפ איבערכאפּנ דעמ אָטעמ, פארהיילנ אונדזערע וווּנדנ, — די וווּנדנ פונ דעמ פּאָרגעשריטענעמ אָטריאד פונ פּראָלעטאריאט. שאפנ א קאָנטאקט מיטנ פויערשנ הינטערלאנד, נעמענ פירנ א ווײַטערדיקע ארבעט צווישנ די רעזערוונ, וואָס זײַנענ פונ אונדז אָפּגעשטאנענ — די מײַרעוודיקע רעזערוונ און די מיזרעכדיקע, די שווערע רעזערוונ, וואָס בילדנ דאָס גרונט-הינטערלאנד פונעמ וועלט-קאפּיטאליזמ. אָט וועגנ די דאָזיקע רעזערוונ, ספּעציעל וועגנ די שווערע מיזרעכדיקע רעזערוונ, וואָס בילדנ אינ דער זעלביקער צײַט א הינטערלאנד פונעמ וועלט־אימפּעריאליזמ, וועגנ זיי האנדלט זיכ עס באמ באטראכטנ די נאציאָנאלע פראגע.

איינס פונ די בײדע: אָדער מיר וועלנ דאָס טיפע הינטערלאנד פונעמ אימפּעריאליזמ — די מיזרעכדיקע קאָלאָניאלע און האלב־קאָלאָניאלע לענדער — אופטרײסלענ, רעוואָליוציאָניזירנ און דערמיט פארגיכערנ דאָס פאלנ פונעמ אימפּעריאליזמ, אָדער מיר וועלנ דאָ פארפּושנ און וועלנ דערמיט פארפעסטיקנ דעמ אימפּעריאליזמ, און וועלנ דערמיט אָפּשוואכנ די קראפט פונ אונדזער באוועגונג. אָט אזוי שטייט די פראגע.

די זאכ באשטייט אינ דעמ, וואָס דער גאנצער מיזרעכ קוקט אפ אונדזער פארבאנד פונ די רעפּובליקנ, ווי אפ א פּרוּוו־פעלד. אָדער מיר וועלנ אינ די ראמענ פונ דעמ דאָזיקנ פארבאנד ריכטיק לייזנ די נאציאָנאלע פראגע אינ איר פּראקטישער אָנווענדונג, אָדער מיר וועלנ אינ די ראמענ פונ דעמ דאָזיקנ פארבאנד אײַנשטעלנ ווירקלעכ ברידערלעכע באציִונגענ צווישנ פעלקער, א ווירקלעכע צוזאמענארבעט, — און דאנ וועט דער גאנצער מיזרעכ דערזענ, אז ער האָט אינ אונדזער פעדעראציע א פאָנ פונ באפרײַונג, א פּאָרגעשריטענעמ אָטריאד, וואָס נאָכ זײַנע טריט מוז ער נאָכגיינ, און דאָס וועט זײַנ דער אָנהייב פונעמ קראכ פונעמ וועלט־אימפּעריאליזמ. אָדער מיר וועלנ דאָ, אינ באשטאנד פונ דער גאנצער פעדעראציע, דערלאָזנ א פעלער, ארונטערײַסנ דעמ צוטרוי בא די פריִער אונטערדריקטע פעלקער צו דעמ פּראָלעטאריאט פונ רוסלאנד, אָפּנעמענ באמ פארבאנד פונ די רעפּובליקנ יענע צוציִונג-קראפט, וואָס

ער האָט געהאַט אינ די אויגנ פונעמ מיזרעכ — אונ דאַנ וועט געווינענ דער אימפּעריאַליזמ, אונ פאַרשפּילנ וועלנ מיר.

אינ דעמ באַשטייט די אינטערנאַציאָנאַלע באַדײַטונג פונ דער נאַציאָנאַלער פראַגע. די נאַציאָנאַלע פראַגע האָט פאַר אונדז א באַדײַטונג אויכ פונ שטאַנדפּונקט פונ דער אינערלעכער לאַגע ניט נאָר דערפאַר, ווײַל די געוועזענע הערשנדיקע נאַציע שטעלט פאָר אינ הינזיכט פונ צאָל אַרומ 75 מיליאָנ, אונ די איבעריקע נאַציעס — 65 (דאָס איז פונדעסטוועגנ ניט ווייניק), אונ ניט נאָר דערפאַר, ווײַל די פריִער אונטערדריקטע נאַציעס פאַרנעמענ ראַיאָנענ, וואָס זײַנענ אמ נייטיקסטנ פאַר דער ווירטשאַפטלעכער אַנטוויקלונג, אונ פּונקטנ, וואָס זײַנענ אמוויכטיקסטנ פונעמ שטאַנדפּונקט פונ קריג-סטראַטעגיע, ניט נאָר דערפאַר, נאָר פריִער פאַר אַלצ איבער דעמ, ווײַל פאַר די צוויי יאָר האָבנ מיר אײַנגעפּירט דעמ אַזוי גערופענעמ נעפּ אונ אינ דער פאַרבינדונג דערמיט האָט דער רוסישער נאַציאָנאַליזמ אָנגעהויבנ אָנוואַקסנ, זיכ פאַרשטאַרקנ, עס איז געבוירנ געוואָרנ די אידיי פונ סמענאָוועכיזמ, עס יוירנ פאַרלאַנגענ אײַנצואָרדענענ אפּ א פרידלעכנ אופנ דאָס, וואָס עס איז ניט געלונגענ אײַנצואָרדענענ דעניקינענ, דאָס הייסט, שאַפנ די אַזוי גערופענע איינהייטלעכע אונ אומטיילבאַרע.

אפּ אַזא אופנ וואַקסט אָנ אינ אונדזער אינערלעכנ לעבנ אינ פאַרבינדונג מיטנ נעפּ א נײַע קראַפט — דער גרויסרוסישער שאָוויניזמ, וואָס נעסטעט זיכ אינ אונדזערע אַנשטאַלטנ, וואָס דרינגט אַרײַנ ניט נאָר אינ די סאָוועטישע, נאָר אויכ אינ די פּאַרטייִשע אַנשטאַלטנ, וואַנדלט אַרומ איבער אַלע ווינקלענ פונ אונדזער פעדעראַציע אונ פירט דערצו, אַז אויב מיר וועלנ דער דאָזיקער נײַער קראַפט ניט געבנ קיינ אַנטשיידענעמ ווידערשטאַנד, אויב מיר וועלנ זי ניט אונטערהאַקנ אינ וואָרצל — די נעפּישע באַדינגונגענ ווידער האָדעוועג זי, — ריזיקירנ מיר צו בלײַבנ בא דער אויסזיכט פונ אַנ אײַנרײַס צווישנ דעמ פּראָלעטאַריאַט פונ דער געוועזענער הערשנדיקער נאַציע מיט די פויערימ פונ די פריִער אונטערדריקטע נאַציעס, אונ דאָס איז גלײַכ צומ אונטעררײַסנ די דיקטאַטור פונ פּראָלעטאַריאַט.

אָבער דער נעפּ האָדעוועט ניט נאָר דעמ רוסישנ שאָוויניזמ, ער האָדעוועט אויכ די אָרטיקע שאָוויניזמענ, באַזונדערס אינ די רעפּובליקנ, וואָס האָבנ צו עטלעכע נאַציאָנאַליטעטנ. איכ האָב דאָ אינ זינענ גרוזיע, אַזערבײַדזשאַנ, בוכאַרע, טיילווײַז קאָנ מענ נעמענ אינ אַכט טורקעסטאַנ, וווּ מיר האָבנ עטלעכע נאַציאָנאַליטעטנ, וואָס זייערע פאָרגעשריטענע עלעמענטנ וועלנ עפּשער אינגיכנ אָנהייבנ קאָנקורירנ צווישנ זיכ פאַרנ אויבנאָנ. די דאָזיקע אָרטיקע שאָוויניזמענ שטעלנ, פאַרשטייט זיכ, לויט זייער קראַפט ניט פאָר אַזא געפאַר, ווי עס שטעלט פאָר מיט זיכ דער גרויסרוסישער

שאָוויניזם. אָבער א געפאַר שטעלן זיי פונדעסטוועגן פאָר און דראָען אונדז צו פאַרוואַנדלען אייניקע רעפּובליקן אין אַן ארענע פון נאַציאָנאַלער רײַסערײַ, ארונטערצורײַסן דאָרטן דעם בונד פון אינטערנאַציאָנאַליזם.

אָט דאָס זײַנען די יעסוידעס פון אינטערנאַציאָנאַלן און אינערלעכן כאַראַקטער, וואָס ווײַזן, ווי וויכטיק און ערנסטראַנגיק עס איז די באַדײַטונג פון דער נאַציאָנאַלער פראַגע ביכלאַל, באַזונדערס אין דעם איצטיקן מאָמענט.

אין וואָס באַשטייט דער קלאַסן-טאָך פון דער נאַציאָנאַלער פראַגע? וואָס איז אזוינס די נאַציאָנאַלע פראַגע? דער קלאַסן-טאָך פון דער נאַציאָנאַלער פראַגע באַשטייט אין באַשטימען די קעגנזײַטיקע באַציִונגען — איך רייד דאָ וועגן אונדזער אומגעבונג, דער סאָוועטישער — אין באַשטימען די ריכטיקע קעגנזײַטיקע באַציִונגען צווישן דעם פּראָלעטאַריאַט פון דער געוועזענער הערשנדיקער נאַציע און דעם פּויערטום פון די געוועזענע אונטערדריקטע נאַציאָנאַליטעטן. די פראַגע פון צוזאַמענשלוס איז דאָ ארומגערעדט געוואָרן מער ווי גענוג. אָבער באַם באַהאַנדלען די פראַגע וועגן צוזאַמענשלוס לויטן פּאָרטראָג פון די כאַווײרים קאַמענעוו, קאַלינין, סאָקאָלניקאָוו, און אפילע לויטן פּאָרטראָג פונעם כאַווער ריקאָוו און כאַווער טראָצקי, בײַס דער באַהאַנדלונג האָט מען געהאַט אין זינען דעריקער די באַציִונגען פון דעם רוסישן פּראָלעטאַריאַט מיטן רוסישן פּויערטום. דאָ, אפן נאַציאָנאַלן געביט, האָבן מיר א מער קאָמפּליצירטע מעכאַניק. דאָ האָבן מיר צו טאָן מיט דער פראַגע וועגן אײַנשטעלן ריכטיקע קעגנזײַטיקע באַציִונגען צווישן דעם פּראָלעטאַריאַט פון דער געוועזענער הערשערישער נאַציע, וואָס שטעלט פאָר דעם סאַמע קולטורעלן שיכט פונעם פּראָלעטאַריאַט אין אונדזער גאַנצער פעדעראַציע, מיטן פּויערטום, דעריקער דעם פּויערטום פון די נאַציאָנאַליטעטן, וואָס זײַנען פריִער געווען אונטערדריקט. אין דעם באַשטייט דער קלאַסן-טאָך פון דער נאַציאָנאַלער פראַגע. אויב דעם פּראָלעטאַריאַט וועט געלינגען אײַנצושטעלן מיטן פּויערטום פון די אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן באַציִונגען, וואָס קאָנען אונטעררײַסן אַלע איבערבלײַבעכצן פון אומצוטרוי צו אַלץ, וואָס איז רוסיש, — אַן אומצוטרוי, וואָס איז אין משעך פון צענדליקער יאָרן דערצויגן און אײַנגעוואָרצלט געוואָרן דורך דער פּאָליטיק פון צאַריזם, — אויב דעם רוסישן פּראָלעטאַריאַט וועט געלינגען זיך דערשלאָגן צו א פולן קעגנזײַטיקן צוטרוי און פאַרשטענדעניש, אײַנשטעלן אווירקלעכן פאַרבאַנד ניט נאָר צווישן דעם רוסישן פּראָלעטאַריאַט מיטן רוסישן פּויערטום, נאָר אויך צווישן דעם רוסישן פּראָלעטאַריאַט מיטן פּויערטום פון די אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן, וועט די אויפגאַבע זײַן געלייזט. צוליב דעם איז נייטיק, אַז די מאַכט פון פּראָלעטאַריאַט זאָל פאַר דעם פּויערטום פון די אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן זײַן פּונקט אַזאַ אייגענע, ווי פאַר דעם רוסישן. קעדיי די ראַטן-

מאכט זאָל ווערן אן אייגענע אויך דעם אנדערש־נאציִאָנאלן פויערטום, איז נייטיק, אז זי זאָל זיין פאר אים פארשטענדלעך, אז זי זאָל פונקציִאָנירן אפ זיין מוטערשפראך, אז די שולן און מאכט־אָרגאנען זאָלן זיך בויען אפ אָרטיקע מענטשן, וואָס קענען די שפראך, די זיטן, די געוווינהייטן, דעם שטייגער. נאָר דאן און נאָר אפ אזויפיל וועט די ראטנמאכט, וואָס איז ביז דער לעצטער צייט געווען א רוסישע מאכט, ווערן א מאכט ניט נאָר א רוסישע, נאָר א צווישנ־נאציִאָנאלע, אן אייגענע פאר די פויערים פון די פריִער אונטערדריקטע נאציִאָנאליטעטן, אפ וויפל די אנשטאלטן און די מאכט־אָרגאנען וועלן אין די רעפובליקן פון די דאָזיקע לענדער אָנהייבן ריידן און ארבעטן אפ דער מוטערשפראך. אין דעם איז איינער פון די יעסויד־דעס פון דער נאציִאָנאלער פראגע ביכלאל און ספעציִעל אין די סאָוועטישע אומשטענדן.

אין וואָס באשטייט דער כאראקטעריסטישער שטריך פון לייזן די נאציִאָנאלע פראגע אינעם איצטיקן מאָמענט, אין 1923 יאָר? וואָס פאר א פאָרם האָבן אָנגענומען אין 1923 יאָר די פראגעס, וואָס דארפן געלייזט ווערן לויט דער נאציִאָנאלער ליניע? די פאָרם פון איינשטעלן א צוזאמענארבעט צווישן די פעלקער פון אונדזער פעדעראציע לויט דער ווירטשאפטלעכער ליניע, לויט דער מיליטערישער ליניע, לויט דער פאָליטישער ליניע. איך האָב דאָ אין זינען די צווישן-נאציִאָנאלע באציִונגען. די נאציִאָנאלע פראגע, וואָס איר גרונט איז די אופגאבע איינצושטעלן ריכטיקע באציִונגען צווישן דעם פראָלעטאריאט פון דער געוועזענער הערשערישער נאציע מיטן אנדערש־נאציִאָנאלן פויערטום, באקומט באם איצטיקן מאָמענט גאָר א באזונדערע פאָרם פון איינשטעלן א צוזאמענארבעט און א ברידערלעכן צוזאמענלעבן פון יענע פעלקער, וואָס זיינען פריִער געווען פאנאנדערגעשיידט און וואָס פאראייניקן זיך איצט אין די ראמען פון איין מעלוכע. אָט דאָס איז דער טאָך פון דער נאציִאָנאלער פראגע אין דער פאָרם, וואָס זי האָט אָנגענומען אין 1923 יאָר. די קאָנקרעטע פאָרם פון דער דאָזיקער מעלוכישער פאראייניקונג איז דער פארבאנד פון רעפובליקן, וועגן וועלכן מיר האָבן גערעדט נאָך אין סאָף פון פאָריקן יאָר אפן ראטן־צוזאמענפאָר און וועלכן מיר האָבן דעמלט געשאפן.

דער יעסאָד פונעם דאָזיקן פארבאנד איז — די פרייוויליקייט און רעכטלעכע גלייכהייט פון די מיטגלידער פון פארבאנד. פרייוויליקייט און גלייכהייט דערפאר, ווייל דער אויסגאנג־פונקט פון אונדזער נאציִאָנאלער פראָגראם איז דער פונקט וועגן דעם רעכט פון די נאציִאָנאליטעטן אפ זעלבשטענדיקער מעלוכישער עקזיסטענץ, — דאָס, וואָס האָט פריִער געהייסן דאָס רעכט אפ זעלבסטבאשטימונג. אויסגייענדיק דערפון, מוזן מיר באשטימט זאָגן,

אז קיינ שומ פארבאנד פונ פעלקער, קיינ שומ פארייניקונג פונ פעלקער אינ איינ מעלוכע קאָנ ניט זײַנ פעסט, אויב אינ איר גרונט ליגט ניט די פולשטענדיקע פרײַוויליקײַט, אויב דאָס געגעבענע פאָלק, אויב די פעלקער אליינ ווילנ זיכ ניט פארייניקנ. דער צווייטער יעסאָד איז די רעכטלעכע גלײַכהײַט פונ די פעלקער, וואָס גייענ ארײַנ אינ באשטאנד פונעמ פארבאנד. אויכ דאָס איז פארשטענדלעכ. איכ רייד ניט וועגנ דער פאקטישער גלײַכהײַט, וועגנ דעמ וועל איכ זאָגנ ווײַטער, וואָרעמ אײַנשטעלנ א פאקטישע גלײַכהײַט צווישנ נאציאָנאליטעטנ, וואָס זײַנענ אוועק פאָרויס, מיט נאציאָנאליטעטנ אָפּגעשטאנענע, איז זייער א קאָמפּליצירטע זאכ, זייער א שווערע, וואָס פאָדערט א ריי יאָרנ. איכ רייד דאָ וועגנ רעכטלעכער גלײַכהײַט. די גלײַכהײַט דריקט זיכ דאָ אויס אינ דעמ, וואָס אלע רעפובליקנ, — אינ דעמ געגעבענעמ פאל פיר רעפובליקנ — טראנסקאווקאז, ווײַסרוסלאנד, אוקראַינע אונ רספסר, וואָס גייענ ארײַנ אינ באשטאנד פונעמ פארבאנד, געניסנ אינ א גלײַכער מאָס דאָס וויל פונעמ פארבאנד אונ גלײַכצײַטיק זאָגנ זיי זיכ אָפּ אינ א גלײַכער מאָס פונ אייניקע זייערע אומאָפּהענגיקײַט-רעכט לטובת דעמ פארבאנד. אויב רספסר, אוקראַינע, ווײַסרוסלאנד אונ די טראנסקאווקאזישע רעפובליק וועלנ ניט האָבנ קיינ פאָלקאָמיסערנ, איז קלאָר, אז באמ אָפּשאפנ די דאָזיקע פאָלקאָמאטנ פאר אויסערנ־איניאָנימ אונ באמ שאפנ אנ אלגעמיינעמ פאָלקאָמיסערנ אינ פארבאנד פונ די רעפובליקנ וועט פאָרקומענ א געוויסע באגרענעצונג פונ יענער אומאָפּהענגיקײַט, וועלכע די אלע רעפובליקנ האָבנ געהאט אונ וועלכע איז אינ א גלײַכער מאָס באגרענעצט געוואָרנ פאר אלע רעפובליקנ, וואָס גייענ ארײַנ אינ פארבאנד. ס'איז קלאָר, אז אויב פריער האָבנ די אלע רעפובליקנ פארמאָגט אייגענע פאָלקאָמאטנ פונ אויסערנ־האנדל, אונ איצט וועלנ די דאָזיקע פאָלקאָמאטנ אָפּגעשאפט סײַ אינ רספסר סײַ אינ די איבעריקע רעפובליקנ, כדי צו שאפנ איינ אלגעמיינעמ פאָלקאָמאט פונ אויסערנ־האנדל באמ פארבאנד פונ די רעפובליקנ, קומט אויכ דאָ פאָר א געוויסע באגרענעצונג פונ דער אומאָפּהענגיקײַט, וואָס האָט פריער עקזיסטירט אינ א פולער מאָס אונ וואָס איז איצט פארקירצט געוואָרנ לטובת דעמ אלגעמיינעמ פארבאנד אאוו. אייניקע שטעלנ א ריינ סכאָלאסטישע פראגע: נו, אונ נאָכ דער פארייניקונג בלײַבנ נאָכ די רעפובליקנ אומאָפּהענגיק? דאָס איז א סכאָלאסטישע פראגע. זייער אומאָפּהענגיקײַט ווערט באגרענעצט, וואָרעמ יעדע פארייניקונג איז א געוויסע באגרענעצונג פונ די פריערדיקע רעכט בא די, וואָס האָבנ זיכ פארייניקט. אָבער עלעמענטנ פונ אומאָפּהענגיקײַט בלײַבנ דאָ אומבאדינגט בא יעדער רעפובליק, וואָרעמ יעדע רעפובליק האָט דאָס

רעכט אייַנזייַטיק ארויסצוגיינ פונ פארבאנד. אָט ווו עס זייַנענ די עלעמענטנ פונ אומאָפּהענגיקייַט, אָט איז אינ דער פּאָטענצ דער מאקסימום אומאָפּהענגיקייַט, וואָס בלייַבט פאר יעדערער פונ די רעפּובליקנ, וועלכע גייענ אריַינ אינ פארבאנד, אונ וואָס זי קאָנ שטענדיק פארווירקלעכנ.

אלזאָ, די קאָנקרעטע פאָרמ פונ דער נאציאָנאלער פראגע האָט זיכ אינ אונדזערע אומשטענדנ באמ איצטיקנ מאָמענט ארויסגעלאָזנ צו דער פראגע וועגנ אייַנשטעלנ צווישנ די פעלקער א ווירטשאפטלעכע, אנ ארויסערנ־פּאָליטישע אונ מיליטערישע צוזאמענארבעט. מיר מוזנ פאראייניקנ די דאָזיקע רעפּובליקנ לויט אָט די ליניעס אינ דעמ אייַנהייַטלעכנ פארבאנד, וואָס רופט זיכ פססר. צו דעמ האָבנ זיכ אינעמ איצטיקנ מאָמענט ארויסגעלאָזנ די קאָנקרעטע פאָרמענ פונ דער נאציאָנאלער פראגע.

נאָר ניט אזוי גרינג טוט זיכ עס, ווי עס רעדט זיכ.

די זאכ באשטייט אינ דעמ, וואָס מיר האָבנ אינ אונדזער סיטואציע א גאנצער ריי פאקטאָרנ, ניט בלויז אזעלכע, וואָס ווירקנ מיט דער פאראייניקונג פונ די פעלקער אינ איינ מעלוכע, נאָר אויכ אזעלכע, וואָס טאָרמאָזירנ די דאָזיקע פאראייניקונג.

די מיטווירקנדיקע פאקטאָרנ זייַנענ אייַכ באוווּסט: פריִער פאר אלצ, די ווירטשאפטלעכע דערנעענטערונג פונ די פעלקער, וואָס איז אייַנגעשטעלט געוואָרנ נאָכ ביז דער ראטנמאכט אונ וואָס די ראטנמאכט האָט זי פארפעסטיקט, די געוויסע ארבעט־צעטיילונג צווישנ די פעלקער, וואָס איז אייַנגעשטעלט געוואָרנ נאָכ ביז אונדז אונ איז פונ אונדז, פונ דער ראטנמאכט, פארפעסטיקט געוואָרנ, — דאָס איז דער גרונט־פאקטאָר, וואָס ווירקט מיט דער פאראייניקונג פונ די רעפּובליקנ אינ א פארבאנד. פארנ צווייטנ פאקטאָר, וואָס ווירקט מיט דער פאראייניקונג, דארפ מענ פארעכענענ די נאטור פונ דער ראטנמאכט. דאָס איז פארשטענדלעכ. די ראטנמאכט איז די מאכט פונ די ארבעטער, די דיקטאטור פונעמ פּראָלעטאריאט שאפט לויט איר נאטור גופע א נויגונג דערצו, אז די ארבעטנדיקע עלעמענטנ פונ די רעפּובליקנ אונ פונ די פעלקער, וואָס גייענ אריַינ אינ פארבאנד, זאָלנ ווערנ פרייַנטלעכ געשטימט איינס צומ אנדערנ. דאָס איז פארשטענדלעכ. אונ א דריטער פאקטאָר, וואָס ווירקט מיט דער פאראייניקונג — דאָס איז די אימפּעריאליסטישע ארומרינגלונג, וועלכע בילדעט די סוויווע, וואָס אינ אירע באדינגונגענ קומט אויס צו ווירקנ דעמ פארבאנד פונ די רעפּובליקנ.

ס׳זייַנענ אָבער אויכ פאראנ פאקטאָרנ, וואָס שטערנ דער דאָזיקער פאראייניקונג, וואָס טאָרמאָזירנ זי. די גרונט־קראפט, וואָס האמעוועט די פאראייניקונג פונ די רעפּובליקנ אינ אנ אייַנהייַטלעכנ פארבאנד, איז יענע

קראַפט, וואָס וואַקסט בא אונדז אָן, ווי איך האָב שוין געזאָגט, אין די באַדינגונגען פון נעפּ. דאָס איז דער גרויסרוסישער שאָוויניזם. ס'איז גאָר קיין צופעליקייט ניט, כאַווײדים, וואָס די סמענאָוועכיסטן האָבן באַקומען אַ מאַסע אָנהענגער צווישן די סאָוועטישע באַאַמטע. דאָס איז גאָרניט קיין צופעליקייט. ניט קיין צופעליקייט איז אויך דאָס, וואָס די הערן סמענאָוועכיסטן טוען לויבן די קאָמוניסטן די באָלשעוויקעס, גלייך ווי זיי וואָלטן זאָגן: איר קאָנט אייך ריידן וויפל איר ווילט וועגן באָלשעוויזם, איר קאָנט אייך פּלאַפּלען וויפל איר ווילט וועגן אייערע אינטערנאַציאָנאַלע טענדענצן, אָבער מיר וויסן, אַז דאָס, וואָס איז דעניקינען ניט געלונגען אויפצוטאָן, דאָס וועט איר אויפטאָן; אַז די גרויסע אידײ וועגן אַ גרויסן רוסלאַנד האָט איר, באָלשעוויקעס, צוריק אויפגעשטעלט, אָדער איר וועט זי יעדנפאַלס אויפשטעלן. דאָס אַלץ איז ניט קיין צופעליקייט. ניט צופעליק איז אויך דאָס, וואָס אפילע אין איייניקע אונדזערע פּאַרטיי־אנשטאַלטן איז אַרײַנגעדרונגען די דאָזיקע אידײ. איך אַליין בין געווען אַן איידעס דערפון, ווי אפן פּעוראַל־פּלענום, ווו עס איז צום ערשטן מאָל געשטעלט געוואָרן די פראַגע וועגן אַ צווייטער פּאַלאַטע, האָבן זיך אין באַשטאַנד פון צ.ק. געלאָזט הערן רעדעס, וואָס אנטשפּרעכן ניט דעם קאָמוניזם,— רעדעס, וואָס האָבן ניט קיין שום שייכעס צו אינטערנאַציאָנאַליזם. אָט דאָס אַלץ איז אַ צייכן פון דער איצטיקער צייט, אַ מין עפּידעמיע. די הויפּט־געפאַר, וואָס דרינגט דערפון אַרויס, איז די געפאַר פון דעם, וואָס אין פאַרבינדונג מיטן נעפּ וואַקסט בא אונדז מיט יעדן טאָג און מיט יעדער שאָ דער גרויסמעכטישער שאָוויניזם, דער סאַמע אײַנגעגעסענער נאַציאָנאַליזם, וואָס באַמיט זיך צו פאַרווישן אַלץ, וואָס איז ניט רוסיש, צונויפנעמען אַלע פעדעם פון אָנפירונג אַרום דעם רוסישן יעסאָד און צודריקן אַלץ, וואָס איז ניט רוסיש. די גרונט־געפאַר באַשטייט אין דעם, וואָס בא אַזאַ מין פּאָליטיק ריזיקירן מיר צו פאַרלירן יענעם צוטרוי צו די רוסישע פּראָלעטאַריער מיצאַד די געוועזענע אונטערדריקטע פעלקער, וואָס זיי, די רוסישע פּראָלעטאַריער, האָבן געוווּנען אין די אָקטיאַבער־טעג, ווען זיי האָבן אַראָפּגעוואָרפן די פּריצים, די רוסישע קאַפּיטאַליסטן,— ווען זיי, די רוסישע פּראָלעטאַריער, האָבן צעקלאַפּט דעם נאַציאָנאַלן יאָך, אַרויסגעפירט דאָס מיליטער פון פּערסיע, פון מאָנגאָליע, פּראָקלאַמירט די אומאָפּהענגיקייט פון פינלאַנד, אַרמעניע און האָבן בכלל אָוועקגעשטעלט די נאַציאָנאַלע פראַגע אַף פולשטענדיק נייע יעסוידעס. אָט דעם צוטרוי, וואָס מיר האָבן דעמאָלט געוווּנען, קאָנען מיר איצט צו ביסלעך אָנווערן ביז לעצט, אויב מיר וועלן זיך אַלע ניט באַוואָפענען אנטקעגן אָט דעם נייעם,—איך כאַזער איבער,—גרויסרוסישן שאָוויניזם, וואָס פּויזעט אָן אַ

פאָרם, אָן א פיזיאָגנאָמיע און זאפּט זיך אריין טראָפּן נאָך טראָפּן אין די אויערן, אין די אויגן און ענדערט טראָפּנווייַז דעם גייַסט, די גאנצע נעשאָמע פון אונדזערע טוער אזוי, אז דו ריזיקירסט די דאָזיקע טוער קימאט איינגאנצן ניט צו דערקענען. אָט די געפאר, כאַווייריס, מוזן מיר בייַקומען, וואָס עס זאָל ניט זיין, אנדערש דראָעט אונדז די פּערספּעקטיוו צו פארלירן דעם צוטרוי בא די ארבעטער און פויערים פון די פריִער אונטערדריקטע פעלקער, אונדז דראָעט די פּערספּעקטיוו פון אן איינרייַס פון דער פארבינדונג צווישן די דאָזיקע פעלקערשאפטן מיטן רוסישן פּראָלעטאריאט, און דערמיט אלייך דראָעט אונדז די געפאר פון דערלאָזן א געוויסן שפּאלט אין דער סיסטעם פון אונדזער דיקטאטור. פארגעסט ניט, כאַווייריס, אז אויב מיר זיינען מיט פאנאנדערגעוויקלטע פאָנען געגאנגען קעגן קערענסקין און האָבן אראָפּגעוואָרפן די צייַטווייַליקע רעגירונג, איז דאָס, אגעוו, געווען אויך דערפאר, ווייַל מיר האָבן הינטער אונדזערע פּלייצעס געהאט דעם צוטרוי פון יענע אונטערדריקטע פעלקער, וועלכע האָבן דערווארט זייער באפרייַונג פון די רוסישע פּראָלעטאריער. פארגעסט ניט וועגן אזעלכע רעזערוון, ווי די אונטערדריקטע פעלקער, וואָס שווייַגן, אָבער מיט זייער שווייַגן דריקן זיי און באשליסן א סאך. אָפטמאָל פילט מען דאָס ניט, אָבער זיי, די דאָזיקע פעלקער, לעבן, זיי זיינען פאראן און מע טאָר וועגן זיי ניט פארגעסן. יאָ, כאַווייריס, ס'איז געפערלעך צו פארגעסן וועגן זיי. פארגעסט ניט, אז אויב מיר וואָלטן אין הינטערלאנד בא קאָלטשאקן, בא דעניקינען, ווראנגעלן און יודעניטשן ניט געהאט די אזויגערופענע „אינאָראָדצעס", ווען מיר וואָלטן דאָרט ניט געהאט די פריִער אונטערדריקטע פעלקער, וואָס פלעגן מיט זייער שווייַגנדיקער סימפּאטיע צו די רוסישע פּראָלעטאריער אונטעררייַסן דאָס הינטערלאנד פון די דאָזיקע גענעראלן—כאַווייריס, דאָס איז גאָר א באזונדערער פאקטאָר אין אונדזער אנטוויקלונג: א שווייַגנדיק מיטגעפיל, וואָס קיינער הערט אים ניט און זעט אים ניט, אָבער ער אנטשיידט אלץ,—איז אָט, ווען ניט דאָס דאָזיקע מיטגעפיל, וואָלטן מיר ניט געהאט אראָפּגעשלייַדערט קיין איינעם פון די דאָזיקע גענעראלן. אין דער צייַט, ווען מיר זיינען געגאנגען קעגן זיי, האָט זיך בא זיי אין הינטערלאנד אָנגעהויבן א צעפאלונג. פארוואָס? דערפאר, ווייַל די דאָזיקע גענעראלן האָבן זיך אָנגעשפּארט אפן קאָלאָניזאַטערישן עלעמענט פון די קאָזאקן, זיי האָבן געמאָלט פאר די אונטערדריקטע פעלקער א פּערספּעקטיוו פון זייער ווייַטערדיקער אונטערדריקונג, און די אונטערדריקטע פעלקער זיינען געווען געצוווּנגען צו גיין אין אונדזערע אָרעמס, אין דער צייַט, ווען מיר האָבן פאנאנדערגעוויקלט די פאָן פון באפרייַונג פאר די דאָזיקע אונטערדריקטע פעלקער. אָט וואָס עס האָט

אנטשיידט דעם גוירל פונ די דאָזיקע גענעראלנ. אָט דאָס איז די סומע פאקטאָרנ, וואָס זײַנענ פארשטעלט דורכ די דערפאָלגנ פונ אונדזערע אר־מייענ, אָבער זיי האָבנ סאָפקאָלסאָפ אנטשיידט אלצ. דאָס טאָר מענ ניט פארגעסנ. אָט פארוואָס מיר זײַנענ מעכויעוו צו מאכנ א שארפנ קער אינ היגזיכט פונ קאמפ קעגנ די נײַע שאָוויניסטישע שטימונגענ אונ צונעגלענ צומ שאנד־סלופ יענע טשינאָווניקעס פונ אונדזערע אנשטאלטנ אונ יענע פארטיי־כאווייר מ, וואָס פארגעסנ אָנ אונדזער אָקטיאבער־דעראָבערונג, נעמ־לעכ, אָנ דעמ צוטרוי פונ די פריִער אונטערדריקטע פעלקער, וועלכנ מיר דארפנ האלטנ זייער טײַער.

אָט דאָס איז דער ערשטער אונ געפערלעכסטער פאקטאָר, וואָס טאָר־מאָזירט די זאכ פונ פאריייניקנ די פעלקער אונ רעפובליקנ אינ איינ פאר־באנד. מע דארפ פארשטיינ, אז ווענ אזא קראפט, ווי דער גרויסרוסישער שאָוויניזם, וועט זיכ שטארק צעבליִענ אונ וועט זיכ צעהוליענ,—וועט דאנ ניט זײַנ קיינ שומ צוטרוי מיצאד די פריִער אונטערדריקטע פעלקער, קיינ שומ צוזאמענארבעט אינעמ איינהײַטלעכנ פארבאנד וועלנ מיר דאנ ניט דערגרייכנ אונ קיינ שומ פארבאנד פונ רעפובליקנ וועט בא אונדז ניט ארויסקומענ.

דער צווייטער פאקטאָר, כאווײרים, וואָס שטערט אויכ דער פאריייני־קונג פונ די פריִער אונטערדריקטע פעלקער ארומ דעמ רוסישנ פראָלע־טאריאט, איז די פאקטישע אומגלײַכהײַט, וואָס מיר האָבנ געיארשנט פונעמ פעריִאָד פונ צאריזמ.

די רעכטלעכע גלײַכהײַט האָבנ מיר פראָקלאמירט אונ פירנ זי דורכ, אָבער פונ רעכטלעכער גלײַכהײַט, וואָס, פאר זיכ גענומענ, האָט זי די גרעסטע באדײַטונג אינ דער געשיכטע פונ דער אנטוויקלונג פונ די סאָ־וועטישע רעפובליקנ, איז נאָכ פונדעסטוועגנ גאנצ ווײַט ביז צו דער פאק־טישער גלײַכהײַט. אלע אָפגעשטאנענע נאציאָנאליטעטנ אונ אלע שוואָטימ האָבנ פאָרמעל פונקט אזויפיל רעכט, ווי יענע אלע אנדערע נאציאָנאליטעטנ אינ באשטאנד פונ אונדזער פעדעראציע, וואָס זײַנענ אוועק פאָרויס. די צאָרע איז אָבער, וואָס אייניקע נאציאָנאליטעטנ האָבנ ניט קיינ אייגענע פראָלעטאריער, זיי זײַנענ ניט דורכגעגאנגענ קיינ אינדוסטריעלע אנטוויק־לונג, זיי האָבנ זי אפילע ניט אָנגעהויבנ. אינ פראט פונ קולטור זײַנענ זיי שרעקלעכ אָפגעשטאנענ אונ זײַנענ אבסאָליוט ניט בעקויעכ אויסצונוצנ די רעכט, וואָס די רעוואָלוציע האָט זיי געגעבנ. דאָס, כאווײרימ, איז א מער וויכטיקע פראגע, ווי די פראגע וועגנ שולנ. דאָ מיינענ אייניקע פונ אונדזערע כאווײרימ, אז אויב מיר וועלנ ארויסרוקנ אפנ ערשטנ פלאנ די פראגע וועגנ שולנ אונ שפראכ, קאָנ מענ דערמיט גופע צעהאקנ דעמ

קנופ. ניט ריכטיק, כאָווײַרים, אַפ שולנ אַלײנ קאָנ מענ דאָ וװײַט ניט פאָרפאָרנ. זײ, די דאָזיקע שולנ, אַנטוויקלענ זיכ, די שפּראַכ אַנטוויקלט זיכ אויכ, אָבער פאַקטיש די אומגלײַכהײַט — אָט זי איז דער גרונט פונ אַלע אומצופרידנקײַטנ אונ פונ אַלע רײַבונגענ. דאָ קאָנ מענ זיכ ניט אַרויסדרײענ בלויז מיט שולנ אונ שפּראַכ, דאָ איז נײטיק אַ ווירקלעכע סיסטעמאַטישע, אויפריכטיקע, עמעסדיקע פּראָלעטאַרישע הילפ פונ אונדזער זײַט פאַר די אַרבעטנדיקע מאַסנ פונ די קולטורעל־ אונ ווירטשאַפטלעכ־הינטערשטעליקע נאַציאָנאַליטעטנ. אויסער שולנ אונ שפּראַכ, מוז דער רוסלענדישער פּראָלעטאַריאַט אָננעמענ אַלע מיטלענ דערצו, אַז אינ די ראַנד־געביטנ, אינ די קולטורעל־אָפּגעשטאַנענע רעפּובליקנ, — אונ אָפּגעשטאַנענע זײַנענ זײ דאָכ ניט צוליב זײער שולד, נאָר דערפאַר, וואָס מע האָט זײ פריער באַטראַכט בלויז פאַר אַ קוואַל פונ רויוואַרג, — מוז מענ זיכ דערשלאָגנ, אַז אינ די דאָזיקע רעפּובליקנ זאָלנ געשאַפנ ווערנ נעסטנ פונ אינדוסטריע. אײניקע פּרוּװנ זײַנענ שוינ אינ דער ריכטונג געמאַכט געוואָרנ. גרוזיע האָט אַריבערגענומענ אײנ פאַבריק פונ מאָסקווע אונ זי וועט מיסטאָמע אינגיכנ שוינ אָנהײבנ אַרבעטנ. בוכאַרע האָט גענומענ אײנ פאַבריק אונ געקאָנט וואָלט זי נעמענ פיר. טורקעסטאַנ נעמט אײנ גרויסע פאַבריק. קורצ, עס זײַנענ פאַראַנ אַלע גרונטנ דערצו, אַז די דאָזיקע רעפּובליקנ, וואָס זײַנענ ווירטשאַפטלעכ אָפּגעשטאַנענ אונ האָבנ ניט קײנ פּראָלעטאַריאַט, זאָלנ מיט דער הילפ פונעם רוסישנ פּראָלעטאַריאַט גרינדנ בא זיכ אינדוסטריעלע נעסטנ, — זאָל זײַנ אַפילע קלײנינקע נעסטעלעכ, — אַפ אַזאַ אופנ, אַז אינ די דאָזיקע נעסטלעכ זאָלנ זיכ געפינענ גרופּעס אָרטיקע פּראָלעטאַריער, וואָס קאָנענ דינענ פאַר אַ פאַרײניקונג־בריקל צווישנ די רוסישע פּראָלעטאַריער אונ פּויערים מיט די האָרעפּאַשנע מאַסנ פונ די דאָזיקע רעפּובליקנ. אָט אַפ דעם געביט וועט אונדז אויסקומענ ערנסט אָנ אַרבעט צו טאָנ אונ דאָ וועט מענ בלויז מיט שולנ אונ מיט שפּראַכ זיכ ניט אַרויסדרײענ.

נאָר ס'איז פאַראַנ נאָכ אַ דריטער פאַקטאָר, וואָס טאָרמאָזירט די פאַרײניקונג פונ די רעפּובליקנ אינ אײנ פאַרבאַנד. דאָס איז דער נאַציאָנאַליזמ אינ באַזונדערע רעפּובליקנ. דער נעפּ ווירקט ניט בלויז אַפ דער רוסישער באַפעלקערונג, נאָר אויכ אַפ דער ניט־רוסישער. דער נעפּ אַנטוויקלט דעמ פּריוואַטנ האַנדל אונ אינדוסטריע ניט נאָר אינ צענטער פונ רוסלאַנד, נאָר אויכ אינ די באַזונדערע רעפּובליקנ. אָט דער זעלבער נעפּ אונ דער פּריוואַטער קאַפּיטאַל, וואָס איז מיט אים פאַרבונדנ, שפּײַזט עס טאַקע אונ דערנערט דעמ גרוזישנ נאַציאָנאַליזמ, דעמ אַזערבײַדזשאַנער, דעמ אוזבעקישנ אאַוו. פאַרשטײט זיכ, וואָלט ניט געווענ קײנ גרויסרוסישער שאָוויניזמ,

וועלכער איז אָנגרייפעריש דערפאר, ווייל ער איז שטארק, ווייל ער איז פריער אויכ געווענ שטארק, אונ די געוווינהייטנ צו אונטערדריקנ אונ דערנידעריקנ זיינענ בא אימ פארבליבנ, — וואָלט ניט געווענ קיינ גרויסרוסי־שער שאָוויניזמ, דאנ וואָלט אויכ דער אָרטיקער שאָוויניזמ, אלס ענטפער אפנ גרויסרוסישנ, פיליכט עקזיסטירט אינ א מינימאלער, אזוי צו זאָגנ, אינ א מיניאטיורער פאָרמ, ווארעמ סאָפקאָלסאָפ איז דער אנטירוסישער נאציאָנאליזמ א פארטיידיקונג־פאָרמ, וואָס איז אינ א געוויסער מאָס א פארקריפלטע פאָרמ פונ פארטיידיקונג קעגנ דעמ רוסישנ נאציאָנאליזמ, קעגנ דעמ רוסישנ שאָוויניזמ. וואָלט דער דאָזיקער נאציאָנאליזמ געווענ בלויז א פארטיידיקונג־נאציאָנאליזמ, וואָלט מענ נאָכ געקאָנט ניט אופהייבנ קיינ טומל ארומ אימ, מע וואָלט די גאנצע קראפט פונ אונדזערע אקציעס, דעמ גאנצנ קויעכ פונ קאמפ געקאָנט קאָנצענטרירנ קעגנ דעמ גרויסרוסישנ שאָוויניזמ, האָפנדיק, אז ווי נאָר אָט דער שטארקער פיינט וועט אומגע־וואָרפנ ווערנ, וועט איינעמ מיט אימ אומגעוואָרפנ ווערנ אויכ דער אנטירוסישער נאציאָנאליזמ. ווארעמ ער, דער דאָזיקער נאציאָנאליזמ, כאזער איכ איבער, איז סאָפקאָלסאָפ א רעאקציע אפנ גרויסרוסישנ נאציאָנאליזמ, אנ ענטפער אפ אימ, א געוויסע פארטיידיקונג. יאָ, אזוי וואָלט עס געווענ, ווענ דער אנטירוסישער נאציאָנאליזמ אפ די ערטער זאָל ניט גיינ ווייטער פונ א רעאקציע קעגנ דעמ רוסישנ נאציאָנאליזמ. די צאָרע איז אָבער, וואָס אינ אייניקע רעפובליקנ ווערט דער דאָזיקער פארטיידיקונג־נאציאָנאליזמ פארוואנדלט אינ אנ אָנגרייפערישנ.

לאָמיר נעמענ גרוזיע. דאָרט האָבנ מיר איבער 30 פראָצענט ניט־גרוזישע איינוווינער. צווישנ זיי: ארמענער, אבכאזער, אדזשארער, אָסעטינער, טאָטערנ. אינ דער שפיצ שטייענ די גרוזינער. צווישנ א טייל גרוזישע קאָמוניסטנ איז געבאָרנ געוואָרנ אונ עס אנטוויקלט זיכ אנ אידיי, אז מע דארפ זיכ ניט איבעריק רעכענענ מיט די דאָזיקע קליינע נאציאָנאליטעטנ: זיי, הייסט עס, זיינענ ווייניקער קולטורעל, ווייניקער אנטוויקלט, אונ דעריבער מעג מענ זיכ ניט רעכענענ מיט זיי. דאָס איז שאָוויניזמ, א געפערלעכער אונ שעדלעכער שאָוויניזמ, ווארעמ ער קאָנ פארוואנדלענ די קליינע גרוזישע רעפובליק אינ אנ ארענע פונ רייסערייענ, אונ ער האָט זי שוינ פארוואנדלט אינ אזא מינ ארענע.

אזערביידזשאנ. די גרונט־נאציאָנאליטעט זיינענ די אזערביידזשאנער, אָבער פאראנ זיינענ דאָרט אויכ ארמענער. אונ בא איינ טייל אזערביידזשאנער איז אויכ פאראנ אזא טענדענצ, אָפטמאָל אפילע גאָר ניט קיינ פארשטעלטע, אפ אזא מינ טעמע: מיר, הייסט עס, אזערביידזשאנער זיינענ אָרטגעבירטיקע, אונ זיי, די ארמענער, זיינענ אָנגעקומענע. מעג מענ זיי

עפשער איבער דעם א ביסל אָפּרוקנ אפ צוריק אונ זיכ ניט רעכענענ מיט זײַערע אינטערעסנ? דאָס איז אויכ שאָוויניזם. דאָס רײַסט ארונטער יענע גלײַכהײַט פונ די נאציאָנאליטעטנ, וואָס אפ איר באָדנ בויט זיכ די ראטנמאכט.

בוכארע. דאָרט, אינ בוכארע, זײַנענ פאראנ דרײַ נאציאָנאליטעטנ: אוזבעקנ — די גרונט-נאציאָנאליטעט, טורקמענער, א „ווייניקער וויכטיקע“ נאציאָנאליטעט פונ שטאנדפונקט פונ בוכארישנ שאָוויניזם, אונ קירגיזנ; זיי זײַנענ דאָרט פאראנ ווייניק אונ דערפאר זײַנענ זיי „ווייניקער וויכטיק“.

אינ כאָרעזם — דאָס זעלבע: טורקמענער אונ אוזבעקנ. די אוזבעקנ זײַנענ די גרונט-נאציאָנאליטעט אונ די טורקמענער — די „ווייניקער וויכטיקע“.

דאָס אלצ ברענגט צו קאָנפליקטנ, צום אָפּשוואכנ די ראטנמאכט. אָט די טענדענצ צום אָרטיקנ שאָוויניזם מוז אויכ אויסגעוואָרצלט ווערנ. פארשטייט זיכ, אינ פארגלײַכ מיטנ גרויסרוסישנ שאָוויניזם, וואָס פארנעמט אינ דער אלגעמיינער סיסטעם פונ דער נאציאָנאלער פראגע דרײַ פערטל פונעם גאנצנ, איז דער אָרטיקער שאָוויניזם ניט אזוי וויכטיק. אָבער פאר דער אָרטיקער ארבעט, פאר די אָרטיקע מענטשנ, פאר דער פרידלעכער אנטוויקלונג פונ די נאציאָנאלע רעפּובליקנ גופע האָט דער דאָזיקער שאָוויניזם אנ ערשטקלאסיקע באדײַטונג.

דער דאָזיקער שאָוויניזם הייבט צומאָל אָנ דורכצומאכנ זייער אנ אינטערעסאנטע עוואָליוציע. איכ האָב דאָ אינ זינענ טראנסקאווקאז. איר ווייסט, אז טראנסקאווקאז באשטייט פונ דרײַ רעפּובליקנ, וואָס האָבנ אינ זייער באשטאנד 10 נאציאָנאליטעטנ. טראנסקאווקאז איז נאָכ פונ אמאָליקע צײַטנ געווענ אנ ארענע פונ שכיטעס אונ קריגערײַענ, אונ דערנאָכ, בייס דעם מענשעוויזם אונ די נאציאָנאליסטנ, איז ער געווענ אנ ארענע פונ מילכאָמע. איר ווייסט וועגנ דער גרוזיש-ארמענישער מילכאָמע, עס איז אײַכ אויכ באוווסט די שכיטע פונ אָנהייב 1904 יאָר אונ סאָפ 1905 יאָר. איכ קאָנ אײַכ אָנרופנ א גאנצע ריי ראיאָנענ, ווו די מערהײַט ארמענער האָט אויסגעשאָכטנ דעם גאנצנ איבעריקנ טייל באפעלקערונג, וואָס איז באשטאנענ פונ טאָטערנ, ווי צום בײַשפּיל, אינ זאנגעזור. פאראנ אזא געגנט, ווו די מערהײַט איז אנ ארמענישע, אונ זיי האָבנ דאָרט אויסגעקוילעט אלע טאָטערנ. איכ קאָנ אָנווײַזנ אפ א צווייטער פראָווינצ — נאכיטשעוואנ. דאָרט האָבנ די איבערהאנט געהאט די טאָטערנ, האָבנ זיי אויסגעשאָכטנ אלע ארמענער. דאָס איז געווענ פונקט ערעוו דעם באפרײַענ ארמעניע אונ גרוזיע פונ אונטערנ יאָכ פונ אימפעריאליזם.

(שטימע פונ אָרט: „געלייזט די נאציאָנאלע פראגע אפ אנ אייגענעם שטייגער“).

דאָס איז, פארשטייט זיכ, אויכ א געוויסע פאָרמ פונ לייזנ די נאַציאָנאלע פראגע, אָבער ניט קיינ סאָוועטישע פאָרמ פונ לייזנ פראגעס. אָט אינ דער סיטואציע פונ קעגנזייַטיקער נאַציאָנאַלער סינע זייַנענ די רוסנ, נאטירלעכ, גאָרניט שייַעכ, וואָרעמ עס קעמפנ די טאָטערנ מיט די ארמענער, אָנ די רוסנ. אָט דערפאר דארפ מענ אינ טראנסקאווקאז נייטיק האָבנ א ספעציעלנ אָרגאנ, וואָס זאָל קאָנענ רעגולירנ די קעגנזייַטיקע באציונגענ פונ די נאַציאָנאליטעטנ. מע קאָנ דרייסט זאָגנ, אז די באציונגענ צווישנ דעמ פראָלעטאריאט פונ דעמ געוועזענעמ גרויסמעכטישנ רוסלאנד מיט די ארבעטנדיקע פונ אלע אנדערע נאַציאָנאליטעטנ שטעלנ מיט זיכ פאָר דרייַ פערטל פונ דער גאנצער נאַציאָנאַלער פראגע. אָבער איינ פערטל פונ דער פראגע מוז מענ לאָזנ אפנ כעזשבנ פונ די קעגנזייַטיקע באציונגענ צווישנ די פריִער אונטערדריקטע נאַציאָנאליטעטנ גופע.

אונ אָט, ווענ די ראטנמאכט וואָלט אינ אזא סוויווע פונ קעגנזייַטיקנ אומצוטרוי ניט באוויזנ אייַנצושטעלנ אינ טראנסקאווקאז אזא אָרגאנ פונ נאַציאָנאלנ שאָלעמ, וואָס זאָל קאָנענ אייַנרעגולירנ די רייַבונגענ אונ קאָנפליקטנ, וואָלטנ מיר זיכ צוריקגעקערט צו דער עפּאָכע פונ צאריזמ אָדער צו דער עפּאָכע פונ די דאשנאקנ, מוסאוואטיסטנ, מענשעוויקעס, ווענ מענטשנ האָבנ געברענט אונ געשניטנ איינער דעמ אנדערנ. אָט פארוואָס דער צ.ק. האָט דרייַ מאָל באשטעטיקט די נויטווענדיקייַט אייַנצוהיטנ די טראנסקאווקאזער פעדעראציע, אלס אָרגאנ פונ נאַציאָנאלנ פרידנ.

דאָ איז געווענ אונ עס איז נאָכ איצט אויכ פאראנ איינ גרופע גרוזינער-קאָמוניסטנ, וואָס דערווידערט ניט קעגנ דעמ, אז גרוזיע זאָל זיכ פאראייניקנ מיטנ פארבאנד פונ די רעפּובליקנ. אָבער זי איז קעגנ דעמ, אז די דאָזיקע פאראייניקונג זאָל פאָרקומענ דורכ דער טראנסקאווקאזער פעדעראציע. זיי ווילט זיכ, זעט איר, זייַנ נעענטער צומ פארבאנד, ווי איינער רעדט, עס איז איבעריק אָט די צווישנוואנט צווישנ אונדז, גרוזינער, מיטנ פארבאנד פונ די רעפּובליקנ אינ דער פאָרמ פונ דער טראנסקאווקאזער פעדעראציע. מע דארפ ניט, הייסט עס, קיינ פעדעראציע. דאָס קלינגט קלוימערשט זייער רעוואָליוציאָנער, אָבער דאָ שטעקט אנ אנדער מיינ. ערשטנס, ווייַזנ די דאָזיקע דערקלערונגענ, אז אפנ געביט פונ דער נאַציאָנאלער פראגע האָט אינ גרוזיע די באציונג צו די רוסנ א צווייטראנגיקע באדייַטונג, וואָרעמ די דאָזיקע כאווײרימ אָפּנייגלער (אזוי רופט מענ זיי) האָבנ גאָרניט קעגנ דעמ, אז גרוזיע זאָל זיכ דירעקט פאראייניקנ מיטנ פארבאנד, — דאָס הייסט, זיי האָבנ ניט קיינ מוירע פארנ גרויסרוסישנ שאָוויניזמ אונ רעכענענ, אז ער איז אזוי אָדער אנדערש שוינ אונטערגעגראָבנ אָדער ער האָט ניט קיינ אנטשיידנדיקע באדייַטונג. זעט אויס, אז זיי

שרעקט מער א פעדעראציע פונ טראנסקאווקאז. פארוואס? פארוואס דארפנ עס דרײַ פעלקער, וואס לעבנ אינ טראנסקאווקאז, וואס האבנ זיכ אזוי לאנג געריסנ צווישנ זיכ, געקוילעט אײנער דעמ צווייטנ, מילכאמע געהאלטנ צווישנ זיכ, — פארוואס דארפנ עס די דאזיקע פעלקער איצט, ווענ די ראטנמאכט האט ענדלעכ אײַנגעשטעלט א ברידערלעכנ פארבאנד צווישנ זײ אינ דער פארמ פונ א פעדעראציע, ווענ די דאזיקע פעדעראציע האט גע- בראכט עמעסע פרוכט פונ קעגנזײַטיקער ברידערשאפט, פארוואס זאלנ זײ איצט דארפנ רײַסנ אפ דעמ בונד פונ פעדעראציע? אינ וואס גייט דא, כאווײרימ? עס גייט, כאווײרימ, אינ דעמ, וואס דער פעדעראציע-בונד פונ טראנסקאווקאז נעמט אפ בא גרוזיע יענעמ כיילעק פונ דער פריווילעגירטער לאגע, וועלכע זי וואלט געקאנט פארנעמענ לויט איר געאגראפישער לאגע. בארעכנט נאר — גרוזיע האט אירנ אנ אייגענעמ האפנ — באטומ, דורכ וועלכנ עס קומענ אנ סכוירעס פונ מײַרעוו, גרוזיע האט אזא אײַזנבאנ-קנופ, ווי טיפליס, וועלכנ עס קאנענ ניט אויסמײַדנ ניט די ארמענער, ניט אזערבײַדזשאנ, וואס באקומט זײַנע סכוירעס דורכ באטומ. ווענ גרוזיע זאל זײַנ א באזונדערע רעפובליק, ווענ זי וואלט ניט ארײַנגעגאנגענ אינ באשטאנד פונ דער טראנסקאווקאזער פעדעראציע, וואלט זי געקאנט ארויסשטעלנ א שטיקעלע אולטימאטומ סײַ צו ארמעניע, וואס קאנ זיכ ניט באגיינ אנ טיפליס, אונ סײַ צו אזערבײַדזשאנ, וואס קאנ זיכ אנ באטומ ניט באגיינ. דערפונ וואלט מענ געקאנט האבנ געוויסע נוצנ. ס'איז ניט קיינ צופאל, כאווײרימ, וואס גראד אינ גרוזיע ווערט אויסגעארבעט אזא ווילדער דעקרעט וועגנ קארדאנ. איצט ווארפט מענ ארופ די שולד פאר דעמ אפ כערעב- ריאקאוונ. זאל זײַנ אזוי. אבער געבארנ געווארנ איז דאכ דער פלאנ אינ גרוזיע, אונ ניט אינ אזערבײַדזשאנ אונ ניט אינ ארמעניע. עס איז ניט קיינ צופעליקייט, וואס עס איז געוועזנ אזא דעקרעט, דורכ וועלכנ מע האט געוואלט רעגולירנ די באציִונגענ צווישנ דער באפעלקערונג, קעדײ אײַנצוהאלטנ עפעס וואס לעטיוועס גרוזיע אונ געבנ גרוזיע א מעגלעכקייט אויסצונוצנ די גינסטיקע געאגראפישע לאגע, וועלכע זי פארנעמט אנ צווייפ אונ וועלכע זי, אינ דער פערזאנ פונ די אפנייגלער, וויל ניט פארלירנ.

אכוצ דעמ איז דא נאכ פאראנ א צווייטע סיבע. טיפליס איז די הויפשטאט פונ גרוזיע, אבער גרוזינער זײַנענ אינ איר פאראנ ניט מער ווי 25%, ארמענער ניט ווייניקער ווי 35%, דערנאכ גייענ אלע איבעריקע נאציאנאליטעטנ. אט דאס איז אײַכ די גרוזישע הויפשטאט. וואלט גרוזיע פארגעשטעלט מיט זיכ אנ אפגעזונדערטע רעפובליק, וואלט מענ דא געקאנט אפ א געוויסנ אויפנ איבערוקנ די באפעלקערונג, לעמאשל, ארויסזעצנ די ארמענער פונ טיפליס. האבנ מיר דאכ געהאט אזא דעקרעט, וועגנ וועלכנ

כאווער מאכאראדזע האָט דעקלערט, אז ער איז געוועז געווענדט קעגנ די ארמענער. מע וואָלט געקאָנט מאכנ אזא שטיקל איבערוק, אז פונ יאָר צו יאָר זאָל אינ טיפליס ווערנ אלצ ווייניקער ארמענער, איידער גרוזינער, אונ אפ אזא אופנ פארוואנדלענ טיפליס אינ אנ עכט-גרוזישער הויפט-שטאָט. איכ נעמ אָנ, אז זיי האָבנ אראָפּגענומענ דעמ דעקרעט וועגנ ארויסזעצנ. נאָר זיי האָבנ דאָכ אינ זייערע הענט א מאסע מעגלעכקייטנ, א מאסע אזעלכע ביי־געווודיקע פאָרמענ, ווי, לעמאָשל, די „פּאנאנדערלאָדונג", וואָס מיט איר הילפ וואָלט מענ געקאָנט, אײַנהיטנדיק פאָרמעל דעמ אינטערנאציאָנאליזמ, מאכנ אזוי, אז אינ טיפליס זאָל ווערנ וואָס ווייניקער ארמענער. אָט די דאָזיקע מייַלעס פונ דער געאָגראפישער לאגע, וואָס די אָפּנייגלער ווילנ ניט אָנווערנ, אונ די אומגינסטיקע פּאָזיציע פונ גרוזיע אינ טיפליס גופע, וווּ די גרוזינער באטרעפנ ווייניקער ווי די ארמענער, אָט דאָס צווינגט אונדזערע אָפּנייגלער צו קעמפנ קעגנ דער פעדעראציע. די מענשעוויקעס פלעגנ פּאָשעט ארויסזעצנ פונ טיפליס די ארמענער אונ טאָטערנ. איצט אָבער, בא דער ראטנמאכט, טאָר מענ ניט ארויסזעצנ, אונ דעריבער דארפ מענ זיכ ארויסטיילנ פונ דער פעדעראציע, אונ דאנ וועלנ זייַנ יורידישע מעגלעכקייטנ זעלבשטענדיק דורכצומאכנ אייניקע אזעלכע אָפּעראציעס, וואָס וועלנ ברענגענ דערצו, אז די גינסטיקע פּאָזיציע פונ גרוזיע וועט אינ דער פולער מאָס אויסגענוצט ווערנ קעגנ אזערבייַדזשאנ אונ ארמעניע.

אונ אלס רעזולטאט פונ דעמ אלעמענ וואָלט זיכ געשאפנ א פּריווי-לעגירטע לאגע פאר די גרוזינער אינ טראנסקאווקאז. אינ דעמ איז די גאנצע געפאר. צי קאָנענ מיר, איגנאָרירנדיק די אינטערעסנ פונ נאציאָנאלנ שאָלעמ אינ טראנסקאווקאז, צי קאָנענ מיר שאפנ אזעלכע באדינגונגענ, בא וועלכע די גרוזינער זאָלנ זיכ געפינענ אינ א פּריווילעגירטער לאגע אנטקעגנ דער ארמענישער אונ אזערבייַדזשאנער רעפּובליק? ניינ, מיר קאָנענ אזוינס ניט דערלאָזנ.

פאראנ אנ אלטע ספּעציעלע סיסטעמ פונ פארוואלטנ, ווענ די בורזשואזע מאכט דערנעענטערט צו זיכ אייניקע נאציאָנאליטעטנ, גיט זיי פּריווילעגיעס, אונ די איבעריקע נאציעס דערנידעריקט זי,—ניט וועלנדיק האָבנ צו טאָנ מיט זיי. אזויארומ דערנעענטערט די בורזשואזיע צו זיכ איינ נאציאָנאליטעט אונ דריקט דורכ איר אפ אלע איבעריקע. אזוי האָט מענ פארוואלטעט, צומ ביישפּיל, אינ עסטרייַכ. אלע געדענקענ די דערקלערונגענ פונעמ עסטרייַכישנ מיניסטער ב ײ ס ט, ווענ ער האָט געשיקט רופנ צו זיכ דעמ אונגארישנ מיניסטער אונ האָט אימ געזאָגט: „דו פיר אָנ מיט דייַנע באנדעס, אינ איכ וועל זיכ מיט מייַנע אנ אייצע געבנ", דאָס הייסט, דו דריק אונ קוועטש דייַנע נאציאָנאליטעטנ אינ אונגארנ, אונ איכ וועל דריקנ מייַנע.

דו און איך זיינען פּריווילעגירטע נאציעס, און די איבעריקע — דריקט. דאס זעלביקע איז געווענ מיט די פּאליאקנ אינ עסטרייך. די עסטרייכער האבנ צו זיך דערנענטערט די פּאליאקנ, האבנ זיי געגעבנ פּריווילעגיעס, קעדיי די פּאליאקנ זאלנ מיטהעלפנ די עסטרייכער צו פארפעסטיקנ זייערע פּאזיציעס אינ פּוילנ, און דערפאר האבנ זיי געגעבנ די פּאליאקנ די מעגלעכקייט צו שניקנ גאליציע. דאס איז א באזונדערע, ריינ עסטרייכישע סיסטעמ: אויסטיילנ אייניקע נאציאנאליטעטנ און געבנ זיי פּריווילעגיעס, קעדיי צו ספּראווענ זיך דערנאכ מיט די איבעריקע. פונ שטאנדפּונקט פונ ביוראקראטיע איז דאס א שפּארעוודיקער מעטאד צו פארוואלטנ, ווארעמ עס קומט אויס צו האבנ צו טאנ בלויז מיט איינ נאציאנאליטעט. אבער פונ פּאליטישנ שטאנדפּונקט איז דאס א זיכערער טויט, ווארעמ אויווער זיינ אפּ די פּרינציפּנ פונ גלייכהייט צווישנ די נאציאנאליטעטנ און דערלאזנ וועלכעס־איז פּריווילעגיעס פאר איינ נאציאנאליטעט, הייסט פארמישפּעטנ די אייגענע נאציאנאלע פּאליטיק צומ טויט.

פּונקט אזוי רעגירט איצט ענגלאנד איבער אינדיע. קעדיי גרינגער, — פונעמ שטאנדפּונקט פונ ביוראקראטיע — זיך ספּראווענ מיט די נאציאנאליטעטנ און שטאמימ אינ אינדיע, האט ענגלאנד פּאנאנדערגעטיילט אינדיע אפּ בריטיש־אינדיע (240 מיליאנ איינוווינער) און געבירטיקע אינדיע (72 מיליאנ). אפּ וועלכנ גרונט? אפּנ גרונט פונ דעמ, וואס ענגלאנד האט געוואלט אויסטיילנ איינ גרופּע נאציעס און געבנ איר פּריווילעגיעס, קעדיי דורכ דעמ לייכטער צו רעגירנ איבער די איבעריקע נאציאנאליטעטנ. אינ אינדיע גופא זיינענ פאראנ ניט ווייניקער ווי 800 נאציאנאליטעטנ, און ענגלאנד האט באשלאסנ: צוליב וואס דארפ איכ האבנ צו טאנ מיט 800 באזונדערע נאציאנאליטעטנ, בעסער אויסטיילנ עטלעכע נאציעס, געבנ זיי אייניקע פּריווילעגיעס און דורכ זיי רעגירנ איבער די איבעריקע, ווארעמ, ערשטנס, וועט די אומצופרידנהייט פונ אט די איבעריקע נאציעס אינ אזא פאל גייננ קעגנ די דאזיקע פּריווילעגירטע נאציעס, און ניט קעגנ ענגלאנד, און, צווייטנס, וועט קאסטנ ביליקער צו אייסעקנ זיך מיט צוויי—דריי נאציעס, איידער מיט 800.

דאס איז אויכ א סיסטעמעלע פונ פארוואלטנ, אנ ענגלישע סיסטעמ. צו וואס ברענגט זי? צומ פארביליקערנ דעמ אפּאראט, — דאס איז ריכטיק. אבער, כאווירימ, אויב מע זאל אוועקגיינ פונ די ביוראקראטישע באקוועמלעכקייטנ, ליגט דאכ אינ דעמ דער טויט פאר דער ענגלישער הערשאפט אינ אינדיע, אינ דער דאזיקער סיסטעמ ליגט, ווי צוויי מאל צוויי איז פיר, א זיכערער טויט פאר דער גאנצער סיסטעמ פונעמ ענגלישנ פארוואלטנ און פונ דער ענגלישער הערשאפט.

אָט אפ דעמ געפערלעכנ וועג שטויסנ אונדז אונדזערע כאוויירימ גרוזישע אָפנייגלער, אפ וויפל זיי קעמפנ קעגנ דער פעדעראַציע אונ ברעכנ אלע געזעצנ פונ דער פארטיי, אפ וויפל זיי ווילנ זיכ אויסטיילנ פונ דער פעדעראַציע, קעדיי אײַנצוהיטנ די גינסטיקע לאגע. זיי שטויסנ אונדז אפנ וועג פונ געבנ זיי אייניקע פריווילעגיעס אפנ כעזשבנ פונ דער ארמענישער אונ אזערבײַדזשאנער רעפובליקנ. אפ דעמ וועג קאָנענ מיר ניט גיינ, וואָרעמ דאָס איז א זיכערער טויט פאר אונדזער גאנצער פאָליטיק אונ פאר דער ראטנמאכט אפ קאווקאז.

ס'איז ניט קיינ צופעליקײַט, וואָס אונדזערע כאוויירימ אינ גרוזיע האָבנ דערשפירט די דאָזיקע געפאר. דער דאָזיקער גרוזישער שאָוויניזמ, וואָס איז אריבער אינ אָנגריפ קעגנ די ארמענער אונ אזערבײַדזשאנער, האָט אופגערודערט די קאָמפארטיי פונ גרוזיע. ס'איז ניט קיינ צופעליקײַט, וואָס די קאָמפארטיי פונ גרוזיע, וואָס האָט פונ זינט איר לעגאלער עקזיסטענצ געהאט צוויי צוזאמענפאָרנ, האָט יעדעס מאָל איינמוטיק אָפגעוואָרפנ די פאָזיציע פונ די כאוויירימ-אָפנייגלער, וואָרעמ אָנ א טראנסקאווקאז־פעדעראַציע קאָנ מענ קיינ שאָלעמ אפ קאווקאז ניט אײַנהיטנ, קאָנ מענ קיינ גלײַכהײַט ניט אײַנשטעלנ. מע קאָנ ניט דערלאָזנ, אז איינ נאציע זאָל זײַנ מער פריווילעגירט ווי א צווייטע: אָט דאָס האָבנ אונדזערע כאוויירימ דערפילט. אָט פארוואָס מדיוואניס גרופע איז פאר די צוויי יאָר קאמפ געבליבנ א קליינ הײַפל, וואָס די פארטיי אינ גרוזיע גופע האָלט אינ איינ ארויסשטויסנ.

ס'איז אויכ ניט צופעליקײַט, וואָס כאווער לעניג האָט אזוי געאײַלט אונ האָט אזוי אָנגעדריקט אפ דעמ, אז די פעדעראַציע זאָל טייקעפ אײַנגעפירט ווערנ. ניט צופעליק איז אויכ דאָס, וואָס אונדזער צ.ק. האָט דרײַ מאָל באשטעטיקט די נייטיקײַט פונ א פעדעראַציע אינ טראנסקאווקאז, ווו עס איז פאראנ אנ אייגענער צאק אונ אנ אייגענע אויספיר־מאכט, וואָס אירע באשלוסנ זײַנענ אָבליגאטעריש פאר די רעפובליקנ. ניט צופעליק איז אויכ, וואָס ביידע קאָמיסיעס, סײַ דעמ כאווער דזערזשינסקיס סײַ דעמ כאווער קאמעניעווס אונ קויבישעווס, האָבנ קומענדיק צוריק קיינ מאָסקווע דערקלערט, אז אָנ א פעדעראַציע קאָנ מענ זיכ ניט באגיינ.

ניט צופעליק איז, ענדלעכ, אויכ דאָס, וואָס די מענשעוויקעס פונעמ „סאָציאליסטיטשעסקי וועסטניק” לויבנ אונדזערע כאוויירימ־אָפנייגלער פאר זייער קאמפ קעגנ דער פעדעראַציע אונ טראָגנ זיכ מיט זיי ארומ: איינ פויגל דערקענט דעמ צווייטנ פונדערווײַטנס.

איכ גיי אריבער, כאוויירימ, צומ אנאליז פונ די מיטלענ, פונ די וועגנ, וואָס מיט זייער הילפ מוזנ מיר גויווער זײַנ די דאָזיקע דרײַ גרונט־פאַק־

טאָרנ, וועלכע טאָרמאָזירנ די פאַרייניקונג: דעמ גרויסרוסישנ שאָוויניזמ, די פאַקטישע אומגלייכהייט אונ דעמ אָרטיקנ נאַציאָנאַליזמ, באַזונדערס אינ דעמ פאַל, ווענ ער גייט אַריבער אינ שאָוויניזמ. פונ די אַלע מיטלענ, וואָס קאָנענ אונדז העלפנ פּאָטער צו ווערנ אָנ ווייטעק פונ דער דאָזיקער ירושע, פונ דער אַלטער ירושע, וואָס טאָרמאָזירט די דערנעענטערונג צווישנ די פעלקער, וועל איכ פאַרצייכענענ בלויז דריי.

דאָס ערשטע מיטל: זענ אומבאַדינגט, אַז די ראַטנמאַכט אינ די רעפּובליקנ זאָל ווערנ פאַרשטענדלעכ אונ נאָענט, אַז די ראַטנמאַכט זאָל בא אונדז זיינ ניט נאָר אַ רוסישע, נאָר אַ צווישנ־נאַציאָנאַלע. צוליב דעמ איז נייטיק, אַז ניט נאָר די שולנ, נאָר אויכ אַלע אַנשטאַלטנ, סיי פּאַרטייִשע סיי סאָוועטישע זאָלנ טריט נאָכ טריט נאַציאָנאַליזירט ווערנ, אַז זיי זאָלנ אַרבעטנ אינ אַזאַ שפּראַכ, וואָס איז פאַרשטענדלעכ פאַר די מאַסנ, אַז זיי זאָלנ פונקציאָנירנ אינ אַזעלכע באַדינגונגענ, וואָס אַנטשפּרעכנ דעמ שטייגער פונ דעמ געגעבענעמ פאָלק. בלויז בא אַזאַ טנאַי וועלנ מיר באַקומענ די מעגלעכקייט צו פאַרוואַנדלענ די ראַטנמאַכט פונ אַ רוסישער אינ אַ צווישנ-נאַציאָנאַלער, נאָענטער, פאַרשטענדלעכער אונ קרוין־ווישער פאַר די אַרבעטנדיקע מאַסנ פונ אַלע רעפּובליקנ אונ באַזונדערס פאַר די, וואָס זיינענ הינטערשטעליק אינווירטשאַפטלעכער אונ קולטורעלער הינזינט.

דאָס צווייטע מיטל, וואָס קאָנ אונדז פאַרגרינגערנ פּאָטער צו ווערנ אָנ ווייטעק פונ דער ירושע, וואָס מיר האָבנ באַקומענ פונעמ צאַריזמ אונ פונ דער בורזשואַזיע, איז אַזאַ קאָנסטרוקציע פונ די קאָמיסאַריאַטנ אינ דעמ פאַרבאַנד פונ די רעפּובליקנ, וואָס זאָל געבנ די מעגלעכקייט ווייניקסטנס די גרונט־נאַציאָנאַליטעטנ צו האָבנ זייערע מענטשנ אינ באַשטאַנד פונ די קאָלעגיעס אונ וואָס זאָל שאַפנ אַזאַ לאַגע, בא וועלכער די נויטנ אונ באַדערפענישנ פונ די באַזונדערע רעפּובליקנ זאָלנ אומבאַדינגט באַפרידיקט ווערנ.

דאָס דריטע מיטל: ס'איז נייטיק, אַז צווישנ אונדזערע העכסטע אָרגאַנענ זאָל זיינ אַזאַ אָרגאַנ, וואָס זאָל אָפּשפּיגלענ די נויטנ אונ באַדערפענישנ פונ אַלע, אָנ אויסנאַמ, רעפּובליקנ אונ נאַציאָנאַליטעטנ. צו אָט דעמ פּונקט וויל איכ פּעציעל ווענדנ אייער אויפמערקזאַמקייט.

אויב מיר וואָלטנ אינ באַשטאַנד פונעמ פאַרבאַנדישנ צאַק געקאָנט איינ־אָרדענענ צוויי פּאַלאַטעס, פונ וועלכע איינע זאָל אויסגעקליבנ ווערנ אָפּ דעמ פאַרבאַנדישנ צוזאַמענפאָר פונ די ראַטנ, אומאָפּהענגיק פונ די נאַציאָנאַליטעטנ, אונ אַ צווייטע פּאַלאַטע זאָל אויסגעקליבנ ווערנ דורכ די רעפּובליקנ אונ געגנטנ (די רעפּובליקנ גלייכ אָפּ גלייכ אונ די נאַציאָנאַלע געגנטנ אויכ גלייכ אָפּ גלייכ) אונ באַשטעטיקט ווערנ פונ דעמ זעלביקנ פאַרבאַנדישנ ראַטנ־צוזאַמענפאָר, רעכנ איכ, אַז מיר וואָלטנ דעמ[illegible] געהאַט אינ באַ[illegible]

שטאנד פונ אונדזערע העכסטע אנשטאלטנ אנ אָפּשפּיגלונג ניט נאָר פונ די קלאסנ־אינטערעסנ פונ אַלע אָנ אויכנ׳ם פּראָלעטארישע גרופּעס, נאָר אויכ פונ די ריינ-נאציאָנאלע באדערפענישנ. מיר וואָלטנ געהאט אנ אָרגאנ, וואָס וואָלט אָפּגעשפּיגלט די באזונדערע אינטערעסנ פונ די אַלע נאציאָנאליטעטנ, פעלקער אונ שבטים, וואָס לעבנ אפ דער טעריטאָריע פונעם פארבאנד פונ די רעפּובליקנ. מע קאָנ ניט בא אונדזערע באדינגונגענ, כאוויירים, ווענ דער פארבאנד פארייניקט אינ אַלגעמיינ ניט ווייניקער ווי 140 מיליאָנ מענטשנ, פונ זיי בא 65 מיליאָנ ניט קיינ רוסנ, קאָנ מענ ניט אָנפירנ מיט אזא מעלוכע, ניט האָבנדיק פאר זיכ דאָ, אינ מאָסקווע, אינ דעם העכסטנ אָרגאנ, שליכים פונ די דאָזיקע נאציאָנאליטעטנ, וואָס זאָלנ אָפּשפּיגלענ ניט נאָר די געמיינזאמע אינטערעסנ פונעם גאנצנ פּראָלעטאריאט נאָר אויכ די באזונדערע, ספּעציעלע, ספּעציפישע, נאציאָנאלע אינטערעסנ.

אָנ דעם, כאוויירים, קאָנ מענ ניט פארוואלטנ. ניט האָבנדיק אינ די הענט אָט דעם דאָזיקנ באראָמעטער אונ ניט האָבנדיק קיינ מענטשנ, וואָס קאָנענ פאָרמולירנ די דאָזיקע ספּעציעלע נויטנ פונ די באזונדערע נאציאָנאליטעטנ, איז ניט מעגלעכ צו פארוואלטנ.

ס׳זיינענ פאראנ צוויי מיטלענ צו פארוואלטנ מיט א לאנד: איינ מיטל, — ווענ דער אפּאראט איז פאריינפאכט אונ אינ שפּיצ פונ אים זיצט, לאָמיר זאָגנ, א גרופּע אָדער איינ מענטש, וועלכער האָט אפ די ערטער הענט אונ אויגנ אינ דער פּערזאָנ פונ גובערנאטערס. דאָס איז זייער אנ איינפאכע סיסטעמ פונ פארוואלטנ, דערביי באקומט דער הויפּט פונ לאנד די ידיעס, וואָס מע קאָנ באקומענ פונ גובערנאטערס, אונ דער הויפּט טרייסט זיכ מיט דער האָפענונג, אז ער רעגירט ערלעכ אונ ריכטיק. דערנאָכ הייבנ זיכ אָנ רייבונגענ, די רייבונגענ גייענ אריבער אינ קאָנפליקטנ, די קאָנפליקטנ — אינ אופשטאנדנ. דערנאָכ ווערנ די אופשטאנדנ אונטערדריקט. אזא סיסטעמ פונ פארוואלטנ איז ניט אונדזער סיסטעמ אונ דערצו איז זי צו טייער, כאָטש זי איז איינפאכ. מיר אינ ראטנלאנד מוזנ באהערשנ יענע פארוואלטונג־סיסטעמ, וואָס גיט די מעגלעכקייט פאָרויסצוזענ ביז פּינקטלעכקייט אלע מינימ ענדערונגענ, אלע אומשטענדנ סיי צווישנ די פּויערימ סיי צווישנ די נאציאָנאלנ סיי צווישנ די אזויגערופענע פרעמדגעבירטיקע סיי צווישנ די רוסנ, — קעדיי אינ דער סיסטעמ פונ די העכסטע אָרגאנענ זאָל זיינ א ריי באראָמעטערס, וואָס טרעפנ פאָרויס יעדע ענדערונג, וואָס דיסקאָנטירנ אונ באוואָרענענ באצייטנס סיי פונ א באסמאטשישער באוועגונג סיי פונ א באנדיטישער סיי פונ קראָנשטאט סיי פונ יעדער מעגלעכקייט פונ שטורעמ אונ געוויטער. אָט דאָס איז די סאָוועטישע פארוואלטונג־סיסטעמ. דערפאר טאקע רופט זי זיכ אָנ ראטנמאכט, פאָלקסמאכט, ווייל זי שפּארט זיכ אָנ אפ די סאמע אונטערשטע

שיכטנ אונ כאפט אופ פריִער פאר אלעמענ יעדע ענדערונג, נעמט אנ די געהעריקע מיטלענ אונ פאריכט די ליניע באצייטנס, אויב זי איז אויסגעקרימט געווארנ, — זי קריטיקירט זיכ אליינ אונ פאריכט די ליניע. אזא פארוואלטונג־סיסטעמ איז די סאוועטישע סיסטעמ אונ זי פאדערט, אז אינ דער סיסטעמ פונ די העכסטע ארגאנענ זאלנ זיינ בא אונדז ארגאנענ, וואס שפיגלענ אפ ביז גאר די נאציאנאלע נויטנ אונ באדערפענישנ.

ס׳איז פאראנ א דערווידערונג, אז דאס פארקאמפליצירט די גאנצע פארוואלטונג־סיסטעמ, אז דאס וואלגערט אנ נייע ארגאנענ. דאס איז ריכטיק. ביז איצט האבנ מיר געהאט א צאק פונ רספסר, דערנאכ האבנ מיר געשאפנ א צאק פונ פארבאנד, איצט וועט אויסקומענ, דאכט זיכ, צעשפאלטנ דעמ צאק פונ פארבאנד אפ צוויי טיילנ. ס׳איז קיינ אנדער ברײרע ניטא. כ׳האב אנגעוויזנ, אז די איינפאכסטע פארמ פונ פארוואלטונג איז אוועקזעצנ איינ מענטשנ אונ געבנ אימ גובערנאטערס, אבער נאכ אקטיאבער קאנ מענ זיכ שוינ מיט אזעלכע עקספערימענטנ ניט פארנעמענ. אונדזער סיסטעמ איז געווארנ קאמפליצירטער, אבער זי פארלייכטערט די פארוואלטונג אונ מאכט די גאנצע פארוואלטונג טיפ־סאוועטיש. אט פארוואס איכ מיינ, אז דער צוזאמענפאר דארפ אננעמענ א באשלוס צו גרינדנ א ספעציעלנ ארגאנ, א צווייטע פאלאטע אינעמ באשטאנד פונ פארבאנדישנ צאק, ווי אנ ארגאנ אנ אבסאליוט נויטווענדיקנ.

איכ וועל ניט זאגנ, אז דאס איז שוינ די פולקומע פארמ פונ איינאָרדענענ די מיטארבעטערשאפט צווישנ די פעלקער פונ פארבאנד. איכ וועל ניט זאגנ, אז דאס איז דאס לעצטע ווארט פונ דער וויסנשאפט. בעשומויפנ ניט. די נאציאנאלע פראגע וועלנ מיר נאכ שטעלנ ניט איינ מאל, ווארעמ די נאציאנאלע אונ צווישנפעלקערלעכע באדינגונגענ ענדערנ זיכ אונ קאנענ זיכ נאכ ענדערנ. איכ בינ ניט ארעוו צו זאגנ, צי וועט אונדז עפשער נאכ אויסקומענ שפעטער פאנאנדערטיילנ איינ יקע קאמיסאריאטנ, וועלכע מיר גיסנ איצט זונויפ אינעמ באשטאנד פונעמ פארבאנד פונ די רעפובליקנ, אויב די דערפארונג וועט באווייזנ, אז איינ יקע קאמיסאריאטנ האבנ נאכנ צונויפגיסנ געגעבנ א מינוס.

אבער איינ זאכ איז קלאר, אז בא די געגעבענע באדינגונגענ אונ בא די געגעבענע אומשטענדנ האבנ מיר ניט אינ אונדזער רעשוס קיינ בעסערנ מעטאד אונ קיינ מער פאסיקערנ ארגאנ. קיינ בעסער מיטל אונ קיינ אנדער וועג אפ צו שאפנ אנ ארגאנ, וואס זאל אפשפיגלענ אלע ענדערונגענ אונ אלע וואקלונגענ אינ די באזונדערע טיילנ פונ דער רעפובליק, ווי נאר די גרינדונג פונ א צווייטער פאלאטע, האבנ מיר נאכ דערווייל ניט. זעלבסטפארשטענדלעכ, דארפנ אינ דער צווייטער פאלאטע זיינ פארטראטנ

ניט נאָר אָט די פיר רעפּובליקנ, וואָס האָבנ זיכ פאַראייניקט, נאָר אויכ אַלע פעלקער, וואָרעמ עס האַנדלט זיכ ניט נאָר וועגנ די רעפּובליקנ, וואָס האָבנ זיכ פאָרמעל פאַראייניקט (אַזעלכע זײַנענ פאַראַנ פיר), נאָר אויכ וועגנ אַלע פעלקער אונ פעלקערשאַפטנ. דעריבער איז אונדז נייטיק צו האָבנ אַזאַ פאָרמ, וואָס זאָל אָפּשפּיגלענ די באַדערפענישנ פונ אַלע אָנ אויסנאַמ פעלקער אונ רעפּובליקנ.

איכ רעזומיר, כאַווײרימ. די וויכטיקײַט פונ דער נאַציאָנאַלער פראַגע ווערט, אַלזאָ, באַשטימט דורכ דער נײַער סיטואַציע אינ דער צווישנפעלקערלעכער לאַגע, דורכ דעמ, וואָס מיר דאַרפנ דאָ, אינ רוסלאַנד, אינ אונדזער פעדעראַציע, לייזנ די נאַציאָנאַלע פראַגע ריכטיק, מוסטערהאַפט, קעדיי דאָס זאָל זײַנ אַ בײַשפּיל פאַרנ מיזרעכ, ווו עס געפינענ זיכ די שווערע רעזערוונ פונ אונדזער רעוואָליוציע, אונ דערמיט פאַרשטאַרקנ זייער צוטרוי, זייער שטרעבונג צו אונדזער פעדעראַציע. פונ שטאַנדפּונקט פונ דער אינערלעכער לאַגע פאַרפליכטנ אונדז אויכ די באַדינגונגענ פונ נעפּ, דער גרויסרוסישער שאָוויניזמ אונ דער אָרטיקער שאָוויניזמ, וועלכע פאַרשטאַרקנ זיכ, צו אונטערשטרײַכנ די באַזונדערע וויכטיקײַט פונ דער נאַציאָנאַלער פראַגע.

ווײַטער האָב איכ געזאָגט, אַז דער טאָכ פונ דער נאַציאָנאַלער פראַגע איז צו באַשטימענ די ריכטיקע באַציונגענ צווישנ דעמ פּראָלעטאַריאַט פונ דער געוועזענער הערשערישער נאַציע מיטנ פויערטומ פונ די געוועזענע ניט-הערשערישע נאַציעס, אַז פונ דעמ שטאַנדפּונקט דריקט זיכ אויס די קאָנקרעטע פאָרמ פונ דער נאַציאָנאַלער פראַגע באַמ איצטיקנ מאָמענט אינ אויסזוכנ די וועגנ, אויסזוכנ די מיטלענ אָפּ אײַנצושטעלנ די מיטאַרבעטערשאַפט אונ דאָס צוזאַמענלעבנ צווישנ די פעלקער אינעמ פאַרבאַנד פונ די רעפּובליקנ, אינ דער איינהײַטלעכער מעלוכע.

כ'האָב ווײַטער גערעדט וועגנ די פאַקטאָרנ, וואָס ווירקנ מיט אַזאַ דערנענטערונג פונ די פעלקער; איכ האָב גערעדט וועגנ די פאַקטאָרנ, וואָס טאָרמאָזירנ אַזאַ פאַראייניקונג. איכ האָב זיכ אָפּגעשטעלט ספּעציעל אָפּ דעמ גרויסרוסישנ שאָוויניזמ, ווי אָפּ אַ קראַפּט, וואָס פאַרפעסטיקט זיכ. די דאָזיקע קראַפּט איז די גרונט-געפאַר, וואָס קאָנ אַרונטערײַסנ דעמ צוטרוי פונ די פריִער אונטערדריקטע פעלקער צומ רוסישנ פּראָלעטאַריאַט. דאָס איז אונדזער געפערלעכסטער סוינע, וועלכנ מיר מוזנ אַראָפּשלײַדערנ, וואָרעמ ווענ מיר וועלנ אימ אַראָפּשלײַדערנ, וועלנ מיר אָפּ נײַנ צענטל אַראָפּשלײַדערנ אויכ יענעמ נאַציאָנאַליזמ, וואָס איז נאָכ געבליבנ אונ וואָס אַנטוויקלט זיכ אינ די באַזונדערע רעפּובליקנ.

ווײַטער. מיר שטייענ פאַר אַ געפאַר, אַז אייניקע גרופּעס כאַווײרימ

קאָנענ אונדז א שטויס טאָנ אפנ וועג פונ געבנ פריווילעגיעס אייניקע נאַציאָנאליטעטנ צום שאָדנ פאר אנדערע. איכ האָב דערקלערט, אז אפנ דאָזיקנ וועג טאָרנ מיר זיכ ניט שטעלנ, וואָרעמ דאָס הייסט אנטוויקלענ דעמ אָרטיקנ נאציאָנאליזמ אינ דער סאמע פארקריפּלטסטער, אינ דער סאמע שאָוויניסטישער פאָרמ, וואָרעמ דאָס קאָנ ארונטעררייסנ דעמ נאציאָנאלנ שאָלעמ אונ טויטנ דעמ צוטרוי בא די אנדערע נאציאָנאלע מאסנ צו דער ראטנמאכט.

וויַטער האָב איכ געזאָגט, אז דאָס גרונט־מיטל, וואָס קאָנ געבנ די די מעגלעכקייט אָנ ווייטעקנ אויסלעבנ די דאָזיקע פאקטאָרנ, וואָס שטערנ דער פארייניקונג, איז א צווייטע פאלאטע אינעמ באשטאנד פונ צאק, וועגנ וועלכער איכ האָב מער עפנטלעכ גערעדט אפנ פעוראל־פלענומ פונ צ.ק. אונ אינ די טעזיסנ איז וועגנ דעמ געזאָגט אינ א מער צוגעדעקטער פאָרמ, קעדיי געבנ א מעגלעכקייט די כאווירימ אליינ עפשער אָנצוצייכענענ, אָנצוטאפּנ א צווייטע, מער בייגעוודיקע פאָרמ, א צווייטנ מער פאסיקנ אָרגאנ, וואָס זאָל קאָנענ אָפּשפּיגלענ די אינטערעסנ פונ די נאציאָנאליטעטנ. אזעלכע זיינענ די אויספירנ.

איכ מיינ, אז נאָר מיט אזא וועג וועלנ מיר זיכ דערשלאָגנ צו דער ריכטיקער לייזונג פונ דער נאציאָנאלער פראגע. מיר וועלנ זיכ דערשלאָגנ צו דעמ, אז מיר וועלנ ברייט פאנאנדערוויקלענ די פאָנ פונ דער פּראָלעטארישער רעוואָליוציע אונ מיר וועלנ צונויפזאמלענ ארומ איר דאָס מיטגעפיל אונ דעמ צוטרוי בא די לענדער פונ מיזרעכ, וועלכער שטעלט מיט זיכ פאָר די שווערע רעזערוונ פונ אונדזער רעוואָליוציע אונ וואָס קאָנ אָפּשפּילנ אנ אנטשיידנדיקע ראָליע אינ די קומענדיקע צוזאמענשטויסנ פונעמ פּראָלעטאריאט מיטנ אימפּעריאליזמ (אפּלאָדיסמענטנ).

שלוס־װאָרט

כאװײרימ, אײדער איכ װעל אריבערגײנ מיטצוטײלנ װעגנ דער ארבעט פונ דער סעקציע איבער דער נאציאָנאלער פראגע, דערלויבט מיר דערװידערנ די רעדנער, װאָס האָבנ זיכ ארויסגעזאָגט װעגנ מײַנ פּאָרטראָג, איבער צװײ גרונט-פונקטנ. דאָס װעט אָפּנעמענ אינגאנצנ א מינוט צװאנציק, ניט מער.

די ערשטע פראגע איז די פראגע װעגנ דעמ, װאָס אײנ גרופּע כאװײרימ מיט בוכארינענ אונ ראקאָװסקינ אינ דער שפּיצ האָט צו פיל צעבלאָזנ די באדײַטונג פונ דער נאציאָנאלער פראגע, זי האָט זי מעגאזועמ געװענ אונ האָט איבער דער נאציאָנאלער פראגע פארזענ די סאָציאלע פראגע — די פראגע װעגנ דער מאכט פונעמ ארבעטער־קלאס.

פאר אונדז, אלס קאָמוניסטנ, איז אָבער קלאָר, אז דער יעסאָד פונ אונדזער גאנצער טעטיקײַט איז די ארבעט צו פארפעסטיקנ די מאכט פונ די ארבעטער אונ ערשט נאָכדעמ שטעלט זיכ פאר אונדז די צװײטע פראגע, א פראגע זײער א װיכטיקע, נאָר זי איז אונטערגעװאָרפנ דער ערשטער, — דאָס איז די נאציאָנאלע פראגע. מע זאָגט אונדז, אז מע טאָר ניט קריװדענ די נאציאָנאלנ. דאָס איז זײער ריכטיק, איכ בינ מיט דעמ מאסקימ, — מע דארפ זײ ניט קריװדענ. אָבער שאפנ דערפונ א נײַע טעאָריע װעגנ דעמ, אז מע דארפ אװעקשטעלנ דעמ גרויסרוסישנ פּראָלעטאריאט אינ א ניט־גלײַכבארעכטיקטער לאגע בענעגײע די פריִער אונטערדריקטע נאציעס, — איז אומגעלומפערט. דאָס, װאָס עס איז באמ כאװער לענינ אינ זײַנ ארטיקל בלויז אזא מינ שפּראכ־אויסדרוק, האָט כאװער בוכארינ פארװאנדלט אינ א גאנצנ לאָזונג. עס איז אָבער קלאָר, אז דער פּאָליטישער יעסאָד פונ דער פּראָלעטארישער דיקטאטור זײַנענ קוידעמקאָל אונ הויפּטזאכלעכ די צענטראלע ראיאָנענ, די אינדוסטריעלע, אונ ניט די ראנד־געביטנ, װאָס שטעלנ מיט זיכ פאָר פויערשע לענדער. אויב מיר װעלנ איבערבײגנ דעמ שטעקנ אינ דער זײַט צו די פויערשע ראנד־געביטנ צומ שאָדנ פונ די פּראָלעטארישע ראיאָנענ, קאָנ זיכ באקומענ א שפּאלט אינ דער סיסטעמ

פונ דער דיקטאטור פונ פּראָלעטאריאט. דאָס איז, כּאַווײרים, געפערלעכ. אינ פּאָליטיק טאָר מענ ניט איבערזאַלצנ, פּונקט ווי מע טאָר ניט ניט דערזאַלצנ.

מע דארפ געדענקענ, אז אכוץ דעם רעכט פונ די פעלקער אפ זעלבסט-באשטימונג איז נאָכ פאראנ דאָס רעכט פונעם ארבעטער־קלאס צו פאר־פעסטיקנ זײַנ מאכט, אונ אָט דעם לעצטנ רעכט איז אונטערגעוואָרפנ דאָס רעכט פונ זעלבסטבאשטימונג. פאראנ פאלנ, ווענ דאָס רעכט אפ זעלבסטבאשטימונג קומט אינ א ווידערשפּרוכ מיט דעם צווייטנ, העכערנ רעכט פונעם ארבעטער־קלאס, וואָס איז געקומענ צו דער מאכט מיטנ רעכט צו פארפעסטיקנ זײַנ מאכט. אינ אזעלכע פאלנ,—דאָס דארפ מענ זאָגנ אָפנ,— קאָנ ניט אונ טאָר ניט דאָס רעכט אפ זעלבסטבאשטימונג זײַנ א שטערונג אפנ וועג צום פארווירקלעכנ דאָס רעכט פונעם ארבעטער־קלאס אפ זײַנ דיקטאטור. דאָס ערשטע מוז אָפּטרעטנ פארנ צווייטנ. אזוי איז דאָס געווענ, לעמאָשל, אינ 1920 יאָר, ווענ מיר זײַנענ געווענ געצווּנגענ צוליב די אינ־טערעסנ פונ באשיצנ די מאכט פונ ארבעטער־קלאס גײנ אפ ווארשע.

מע טאָר דעריבער ניט פארגעסנ, אז ווענ מע טײלט פאנאנדער אלערלײ צוזאָגענישנ די נאציאָנאלנ, ווענ מע האלט זיכ אינ אײנ פארבײגנ פאר די פארטרעטער פונ די נאציאָנאליטעטנ, ווי דאָס האָבנ געטאָנ אײניקע כּאַ-ווײרים דאָ אפנ צוזאמענפאָר, מוז מענ געדענקענ, אז די ווירקונג-ספערע פונ דער נאציאָנאלער פראגע אונ די גרענעצ, אזוי צו זאָגנ, פונ איר קאָמ־פעטענצ, ווערט בא אונדזערע אויסערלעכע אונ אינערלעכע אומשטענדנ באגרענעצט דורכ דער ווירקונג־ספערע אונ קאָמפּעטענצ פונ דער „ארבע־טער־פראגע", וואָס איז די גרונט-פראגע פונ אלע פראגעס.

דאָ האָבנ זיכ א סאכ כּאַווײרים פארופנ אפ די נאָטיצנ אונ ארטיקלענ פונ וולאדימיר איליטש. איכ וואָלט ניט געוואָלט ציטירנ מײַנ לערער, כ׳ לענינ, ווײַל ער איז דאָ ניטאָ, אונ איכ האָב מוירע, אז איכ וועל עפּשער ניט ריכטיק אונ ניט צום אָרט זיכ פארופנ אפ אים. דאָכ בינ איכ גע־צוווּנגענ צו ציטירנ אײנ אָרט, אנ אקסיאָמאטיש אָרט, וואָס רופט ניט ארויס קײנ שום מיספארשטײעניש, קעדײ בא די כּאַווײרים זאָלנ ניט בלײַבנ קײנע שום ספייקעס וועגנ דעם ספעציפישנ געוויכט פונ דער נאציאָנאלער פראגע. אנאליזירנדיק מארקס בריוו וועגנ דער נאציאָנאלער פראגע אינ דעם ארטיקל וועגנ זעלבסטבאשטימונג, מאכט כ׳ לענינ אזא אויספיר: „אינ פארגלײַכ מיט דער ארבעטער-פראגע איז פאר מארקסנ געווענ אויסער יעדנ צווייפל די אונטערגעוואָרפענע באדײַטונג פונ דער נאציאָנאלער פראגע". צווײ שורעס אינגאנצנ, אָבער זײ אנטשײדנ אלצ. אָט דאָס דארפנ זיכ גוט ארײַנעמענ אינ קאָפּ אײניקע כּאַווײרים, וואָס האָבנ מער אימפּעט, ווי סײכל.

די צווייטע פראגע איז וועגנ דעמ גרויסרוסישנ שאָוויניזמ און דעמ אָרטיקנ שאָוויניזמ. דאָ זײַנענ ארויסגעטראָטנ די כאַווײרימ ראַקאָווסקי און באַזונדערס כאַווער בוכארינ, וועלכער האָט פאָרגעלייגט ארויסצוווארפנ דעמ פונקט, ווו עס רעדט זיכ וועגנ דער שעדלעכקײַט פונעמ אָרטיקנ שאָוויניזמ. ווי איינער רעדט, ניט קעדײַ זיכ צו אייסעקנ מיט אזא ווערעמל, ווי דער אָרט־קער שאָוויניזמ, ווענ מיר האָבנ אזא „גאָליאַס", ווי דער גרויסרוסישער שאָוויניזמ. ביכלאַל איז באַמ כאַווער בוכארינ א טשוווע־שטימונג. דאָס איז פארשטענדלעכ. יאָרנ־לאַנג האָט ער געזינדיקט קעגנ די נאַציאָנאַ־ליטעטנ, לייקענענדיק זייער רעכט אפ זעלבסטבאַשטימונג. איז טאַקע צײַט אמאָל טשוווע טאָנ. אָבער נאָכ דער טשוווע איז ער ארײַנגעפאלנ אינ א צווייטנ עקסטרעמ. ס'איז קוריאָז, ווענ בוכארינ רופט די פארטיי נאָכצוטאָנ זײַנ בײַשפּיל און אויכ טשוווע טאָנ, כאָטש די גאַנצע וועלט ווייס, אז די פארטיי איז אינ גאָרניט שולדיק, וואָרעמ זי האָט נאָכ פונ אָנהייב אָנ פונ איר עקזיסטענצ (1898) אנערקענט דאָס רעכט אפ זעלבסטבאַשטימונג און האָט ניט דעריבער אפ וואָס טשוווע צו טאָנ. די זאַכ באַשטייט אינ דעמ, וואָס כ' בוכארינ האָט ניט פארשטאַנענ דעמ טאָכ פונ דער נאַציאָנאַלער פראַגע. ווענ מע קומט און מע זאָגט, אז מע מוז אַוועקשטעלנ אויבנאָנ אינ דער נאַציאָנאַלער פראַגע דעמ קאַמפּ קעגנ גרויסרוסישנ שאָוויניזמ, וויל מענ דערמיט פארצייכענענ די פליכט פונעמ רוסישנ קאָמוניסט, מע וויל דערמיט זאָגנ, אז די פליכט פונעמ רוסישנ קאָמוניסט איז אליינ צו פירנ דעמ קאַמפּ קעגנ דעמ רוסישנ שאָוויניזמ. ווענ ניט די רוסישע, נאָר די טורקעסטאַנער אָדער גרוזישע קאָמוניסטנ וואָלטנ זיכ גענומענ קעמפנ קעגנ דעמ רוסישנ שאָוויניזמ, וואָלט מענ זייערנ אזא קאַמפּ אָפּגעשאַצט, ווי אנ אנטי־רוסישנ שאָוויניזמ. דאָס וואָלט פארפלאָנטערט דעמ גאַנצנ איניענ און וואָלט פארפעסטיקט דעמ גרויסרוסישנ שאָוויניזמ. בלויז די רוסישע קאָמוניסטנ קאָנענ אפ זיכ נעמענ דעמ קאַמפּ קעגנ גרויסרוסישנ שאָוויניזמ און אימ דערפירנ ביזנ סאָפּ.

און וואָס מיינט מענ צו זאָגנ, ווענ מע לייגט פאָר פירנ א קאַמפּ קעגנ אָרטיקנ אנטירוסישנ שאָוויניזמ? דערמיט וויל מענ אונטערשטרײַכנ די פליכט פונ די אָרטיקע קאָמוניסטנ, די פליכט פונ די ניט-רוסישע קאָמוניסטנ צו קעמפנ קעגנ דעמ אייגענעמ שאָוויניזמ. קאָנ מענ דענ לייקענענ, אז אזעלכע אָפּנייגנ צומ אנטירוסישנ שאָוויניזמ זײַנענ פאראנ? דער גאַנ־צער צוזאַמענפאָר האָט דאָכ באַשײַמפּערלעכ געוויזנ, אז אנ אָרטיקער שאָ־וויניזמ, א גרוזישער, א באַשקירישער אד"ג. איז פאראנ און אז מע מוז קעגנ אימ קעמפנ.

די רוסישע קאָמוניסטנ קאָנענ ניט קעמפנ קעגנ דעמ טאָטערישנ, גרוי־

זישן, באשקירישן שאָוויניזם, וואָרעם אויב דער רוסישער קאָמוניסט וועט אָפּ זיך נעמען די שווערע אויפגאבע צו קעמפן קעגן דעם טאָטערישן אָדער גרוזישן שאָוויניזם, וועט מען דעם דאָזיקן קאמף אָפּשאצן, ווי א קאמף פון א גרויסרוסישן שאָוויניסט קעגן טאָטערן אָדער גרוזינער. דאָס וואָלט פארפּלאָנטערט דעם גאנצן עניין. בלויז טאָטערישע, גרוזישע אדג. קאָמוניסטן קאָנען קעמפן קעגן דעם טאָטערישן, גרוזישן אאוו. שאָוויניזם. בלויז גרוזישע קאָמוניסטן קאָנען מיט דערפאָלג קעמפן קעגן זייער גרוזישן נאציאָנאליזם אָדער שאָוויניזם. אין דעם באשטייט די פליכט פון די ניט-רוסישע קאָמוניסטן. אָט פארוואָס מע מוז פארצייכענען אין די טעזיסן די דאָזיקע צווייזייטיקע אויפגאבע פון די רוסישע קאָמוניסטן (איך מיין דאָ דעם קאמף קעגן גרויסרוסישן שאָוויניזם) און פון די ניט־רוסישע קאָמוניסטן (איך מיין דאָ זייער קאמף קעגן אנטי-ארמענישן, אנטי־טאָטערישן, אנטי־רוסישן שאָוויניזם). אָן דעם וועלן די טעזיסן ארויסקומען איינזייטיק. אָן דעם קאָן מען ניט שאפן קיין שום אינטערנאציאָנאליזם, ניט אין דער מעלוכישער, ניט אין דער פארטייישער בוויונג.

אויב מיר וועלן פירן א קאמף בלויז קעגן דעם גרויסרוסישן שאָוויניזם, וועט דער דאָזיקער קאמף פארדעקן דעם קאמף פון די טאָטערישע און אנדערע שאָוויניסטן, וועלכער אנטוויקלט זיך אויף די ערטער און איז באזונדערס געפערלעך אצינד, אין די באדינגונגען פון נעפּ. מיר קאָנען ניט ניט פירן א קאמף אויף צוויי פראָנטן, וואָרעם נאָר באם באדינג פון א קאמף אויף צוויי פראָנטן, קעגן דעם גרויסרוסישן שאָוויניזם, פון איין זייט, וועלכער איז די גרונט־געפאר אין אונדזער בויונג־ארבעט, און קעגן דעם אָרטיקן שאָוויניזם, פון דער צווייטער זייט, וועט מען קאָנען דערגרייכן א דערפאָלג, וואָרעם אָן דעם דאָזיקן צווייזייטיקן קאמף וועט זיך ניט באקומען קיין שום צוזאמענשלוס צווישן די רוסישע און אנדערש־נאציאָנאלע אָרבעטער און פויערים. אין קעגנפאל קאָן זיך באקומען א דערמוטיקונג פונעם אָרטיקן שאָוויניזם, א פּאָליטיק פון פרעמיע פארן אָרטיקן שאָוויניזם, א זאך, וואָס מיר קאָנען ניט דערלאָזן.

דערלויבט מיר אויך דאָ זיך פארופן אויף כ׳ לעניג. איך וואָלט עס ניט געטאָן, אָבער אזוי ווי אויף אונדזער צוזאמענפאָר זיינען דאָ א סאך כאווירים, וואָס ציטירן דעם כ׳ לעניג צעדרייט און צעקרימט און פארקריפּלען אים, איז דערלויבט מיר איבערצולייענען עטלעכע ווערטער פון איינעם אן אלגעמיין־באוווסטן ארטיקל פון כ׳ לעניג:

„דער פּראָלעטאריאט דארף פאָדערן פרייהייט פון פּאָליטישן אָפּטיילן זיך פאר די קאָלאָניעס און נאציעס, וואָס ווערן אונטערדריקט פון „זיין" נאציע. אין קעגנפאל וועט דער אינטערנאציאָנאליזם פונעם פּראָלעטאריאט

בלײַבנ א פוסט וואָרט; קײנ שום צוטרוי, קײנ שום קלאסנ-סאָלידארישקײַט צווישנ די ארבעטער פונ דער אונטערדריקטער אונ אונטערדריקערישער נאציע איז ניט מעגלעכ".*

אָט דאָס זײַנענ, אזוי צו זאָגנ, די פליכטנ פאר די פראָלעטאריער פונ דער הערשנדיקער אָדער געוועזענער הערשנדיקער נאציע. ווײַטער רעדט ער שוינ וועגנ די פליכטנ פאר די פראָלעטאריער אָדער קאָמוניסטנ פונ די פריִער אונטערדריקטע נאציעס:

„פונ דער צווייטער זײַט, דארפנ די סאָציאַליסטנ פונ די אונטערדריקטע נאציעס באזונדערס פארטײדיקנ אונ דורכפירנ אינ לעבנ די פולשטענדיקע אונ אומבאדינגטע אײניקײַט, אויכ אינ אָרגאניזאציאָנעלנ פראט, צווישנ די ארבעטער פונ דער אונטערדריקטער נאציע מיט די ארבעטער פונ דער אונטערדריקערישער נאציע. אָנ דעם איז אומעגלעכ צו באשיצנ די זעלב־שטענדיקע פאָליטיק פונעם פראָלעטאריאט אונ זײַנ קלאסנ־סאָלידארישקײַט מיטנ פראָלעטאריאט פונ אנדערע לענדער בא אלע מינים שפיצלעכ, פאר־ראטנ אונ שווינדלערײַענ פונ דער בורזשואזיע. וואָרעם די בורזשואזיע פונ די אונטערדריקטע נאציעס פארוואנדלט קעסיידער די לאָזונגענ פונ נאציאָנאַלער באפרײַונג אינ אנ אָפנארערײַ פונ די ארבעטער".**

ווי איר זעט, איז אויב שוינ יאָ גײנ אינ די וועגנ פונ כ׳ לענינ, אונ דאָ האָבנ דאָכ אײניקע כאווײרים געשוואָרנ בא זײַנ נאָמענ,— מוז מענ איבערלאָזנ אינ דער רעזאָלוציע בײדע טעזיסנ, סײַ וועגנ דעם קאמפ קעגנ גרויסרוסישנ שאָוויניזמ אונ סײַ וועגנ דעם קאמפ קעגנ אָרטיקנ שאָוויניזמ, אלס צווײ זײַטנ פונ אײנ דערשײַנונג, אלס טעזיסנ וועגנ קאמפ קעגנ שאָוויניזמ ביכלאל.

דערמיט ענדיק איכ די דערווידערונגענ קעגנ יענע רעדנער, וואָס זײַנענ דאָ ארויסגעטראָטנ.

ווײַטער דערלויבט מיר צו מאכנ א מיטײלונג וועגנ דער ארבעט פונ דער סעקציע איבער דער נאציאָנאלער פראגע. די סעקציע האָט אָנגענומענ אלס גרונט די טעזיסנ פונ צ.ק. די סעקציע האָט געלאָזנ אָנ שום ענדערונגענ 6 פונקטנ פונ די דאָזיקע טעזיסנ: 1, 2, 3, 4, 5 אונ 6. אינ דער סעקציע איז געגאנגענ א קאמפ אונ קודעמקאָל וועגנ דעמ, צי דארפ מענ צוערשט אויסטײלנ פונעם באשטאנד פונ רספסר די אווטאָנאָמע רעפובליקנ אונ דערנאָכ די אומאָפהענגיקע רעפובליקנ פונ קאווקאז אויסטײלנ פונעם

---

* לענינ, די סאָציאַליסטישע רעוואָלוציע אונ דאָס רעכט פונ די נאציעס אפ זעלבסטבאשטימונג, ווערק, ב. XIX, ז. 41, 2־טע אונ 3־טע (רוסישע) אויסגאבע. רעד.

** דאָרטנ.

באשטאנד פונ דער טראנסקאווקאזער פעדעראציע, קעדיי זיי זאָלנ זעלבשטענדיק ארײַנגיינ אינ פארבאנד, אָדער מע דארפ עס ניט. דאָס איז געווענ א פאָרשלאָג פונ איינ טייל גרוזישע כאווירימ, — א פאָרשלאָג, וואָס געפינט ניט, ווי באווּסט, קיינ מיטגעפיל בא דער גרוזישער, ארמענישער, אזערבײַדזשאנער דעלעגאציעס. די סעקציע האָט באטראכט די דאָזיקע פראגע אונ האָט מיט אנ איבערוועגנדיקער מערהײַט זיך ארויסגעזאָגט, אז עס זאָל פארבלײַבנ די גרונט־לאגע, וואָס איז אנטוויקלט אינ די טעזיסנ, דאָס הייסט, אז רספסר בלײַבט ווי א גאנצע אויסבילדונג, די טראנסקאווקאזער פעדעראציע — אויכ ווי א גאנצע אויסבילדונג אונ אינ אזא פאָרמ גייט זי ארײַנ אינ באשטאנד פונעמ פארבאנד פונ די רעפובליקנ. אלע פאָרשלאָגנ פונ איינ טייל גרוזישע כאווירימ זײַנענ אָבער ניט אָפּגעשטימט געוואָרנ, ווײַל די אווטאָרנ פונ די דאָזיקע פאָרשלאָגנ האָבנ זיי אראָפּגענומענ, זעענדיק, אז זייערע פאָרשלאָגנ געפינענ ניט קיינ סימפאטיע. דער קאמפ ארומ דער דאָזיקער פראגע איז געווענ אנ ערנסטער. די צווייטע פראגע, ארומ וועלכער ס'איז געגאנגענ א קאמפ, איז געווענ די פראגע וועגנ דעמ, ווי צו קאָנסטרויִרנ די צווייטע פאלאטע. איינ טייל כאווירימ (די מינדערהײַט) האָט פאָרגעשלאָגנ ארײַנפירנ אינ באשטאנד פונ דער איבערשטער פאלאטע אָדער פונ דער צווייטער פאלאטע ניט פאָרשטייער פונ אלע רעפובליקנ, נאציאָנאליטעטנ אונ געגנטנ, נאָר שאפנ זי פונ פארטרעטערשאפטנ פונ די פיר רעפובליקנ: רספסר, טראנסקאווקאזער פעדעראציע, ווײַסרוסלאנד אונ אוקראִינע. די מערהײַט האָט דעמ פאָרשלאָג ניט אָנגענומענ, אונ די סעקציע האָט זיך ארויסגעזאָגט קעגנ דעמ פאָרשלאָג אונ האָט באשלאָסנ, אז ס'וועט זײַנ צוועקמעסיקער צו קאָנסטרויִרנ די צווייטע פאלאטע אזוי, אז דאָרט זאָלנ זײַנ פאָרגעשטעלט אפ גלײַכהײַט־יעסוידעס אלע רעפובליקנ (סײַ די אומאָפּהענגיקע סײַ די אווטאָנאָמע) אונ אלע נאציאָנאלע געגנטנ. איכ וועל דאָ ניט ברענגענ די מאָטיוונ, ווײַל דער פארטרעטער פונ דער מינדערהײַט כ' ראקאָווסקי וועט דאָ ארויסטרעטנ צו באגרינדנ זײַנ פאָרשלאָג, וואָס איז ניט דורכגעגאנגענ אינ דער סעקציע. ווענ ער וועט זיכ ארויסזאָגנ, וועל איכ דאנ מײַנע מאָטיוונ אויכ ארויסזאָגנ. עס איז נאָכ געגאנגענ א קאמפ, ניט גאָר קיינ העפטיקער, ארומ דער פראגע, צי דארפ מענ אינ די דאָזיקע טעזיסנ ארײַנטראָגנ אזא אויסבעסערונג, וואָס זאָל אָפּמערקנ די נויטווענדיקײַט באמ לייזנ די נאציאָנאלע פראגע צו אָריענטירנ זיכ ניט בלויז אפנ מיזרעכ, נאָר אויכ אפנ מײַרעװ. די סעקציע האָט די אויסבעסערונג געשטעלט אפ אָפּשטימונג. דאָס איז די אויסבעסערונג פונ דער מינדערהײַט — כ' ראקאָווסקיס אנ אויסבעסערונג. די סעקציע האָט די אויסבעסערונג אָפּגעוואָרפנ. וועגנ דער דאָזיקער פראגע

װעל איך אױך נאָך רײדנ, נאָכ דעמ, װי כ' ראַקאָװסקי װעט זיך אַרױסזאָגנ.

איך װעל איבערלײענענ די אױסבעסערונגענ, װאָס זײַנענ בא אונדז דורכגעגאַנגענ. זעקס פּונקטנ האָבנ מיר אָנגענומענ אָנ שום טײַנעס. צום פּונקט 7, צװײטער אַבזאַצ, דריטע שורע, פאַר די װערטער „דעריבער איז דער אַנטשײדענער קאַמפּ", דאַרפ מענ אַרײַנשטעלנ פאָלגנדיקס:

„די לאַגע אינ אַ רײ נאַציאָנאַלע רעפּובליקנ (אוקראַינע, װײַסרוסלאַנד, אַזערבײַדזשאַנ, טורקעסטאַנ) װערט קאָמפּליצירט מיט דעמ, װאָס אַ באַדײַטנ־דיקער טײל פונעמ אַרבעטער־קלאַס, װעלכער איז דער גרונט־אָנשפּאַר פונ דער ראַטנמאַכט, געהערט צו דער גרױסרוסישער נאַציאָנאַליטעט. אינ די דאָזיקע ראַיאָנענ באַגעגנט דער צוזאַמענשלוס צװישנ שטאָט אונ דאָרפ, צװישנ דעמ אַרבעטער־קלאַס אונ פּױערטומ די שטאַרקסטע שטערונג אינ די איבערבלײַבעכצנ פונ גרױסרוסישנ שאָװיניזמ װי אינ די פּאַרטײיִשע, אַזױ אױך אינ די סאָװעטישע אָרגאַנענ. בא אַזעלכע באַדינגונגענ זײַנענ די רײד װעגנ די פּאָרצוגנ פונ דער רוסישער קולטור אונ דאָס אַרױסרוקנ די האַנאָכע װעגנ דעמ אומפּאַרמײַדלעכנ זיג פונ דער העכערער רוסישער קולטור איבער די קולטורנ פונ די מער אָפּגעשטאַנענע פעלקער (פונ דער אוקראַינער, אַזערבײַדזשאַנער, אוזבעקישער, קירגיזישער אאַ.) ניט קײנ אַנדער זאַכ, װי אַ פּרוּװ צו פאַרפעסטיקנ די הערשאַפט פונ דער גרױסרוסישער נאַציאָנאַליטעט".

די דאָזיקע אױסבעסערונג האָב איך אָנגענומענ, װײַל זי פאַרבעסערט די טעזיסנ. די צװײטע אױסבעסערונג באַציט זיך אױך צום פּונקט 7. פאַר דער פראַזע: „אָנ דעמ איז ניטאָ קײנ גרונט צו רעכענענ", אַרײַנשטעלנ אַזאַ צוגאָב:

„די דאָזיקע הילפ דאַרפ זיך אינ דער ערשטער רײ אױסדריקנ אינ אָנעמענ אַ רײ פּראַקטישע מיטלענ אַפּ אױסבילדנ אינ די רעפּובליקנ פונ די פריִער אונטערדריקטע נאַציאָנאַליטעטנ אינדוסטריִעלע נעסטנ, מאַקסימאַל אַרײַנציִענדיק די אָרטיקע באַפעלקערונג. ענדלעכ, דאַרפ די דאָזיקע הילפ גײנ, לױט דער רעזאָלוציע פונעמ X צוזאַמענפאָר, פּאַראַלעל מיטנ קאַמפּ פונ די האָרעפּאַשנע מאַסנ צו פאַרפעסטיקנ זײערע סאָציאַלע פּאָזיציעס קעגנ די אָרטיקע אונ אָנגעקומענע עקספּלואַטאַטאָרישע אױבערשיכטנ, װאָס פאַר־שטאַרקנ זיך אינ צוזאַמענהאַנג מיטנ נעפּ. אַפּ װײַפל די דאָזיקע רעפּובליקנ זײַנענ דעריקער לאַנדװירטשאַפטלעכע ראַיאָנענ, דאַרפנ די אינערלעכע סאָ־ציאַלע מאָסמיטלענ פריִער פאַר אַלצ גײנ מיטנ װעג פונ באַטײלנ די האָרע־פּאַשנע מאַסנ מיט ערד אַפּנ כעזשבנ פונעמ פרײַענ מעלוכישנ פאָנד".

װײַטער, אינעמ זעלבנ פּונקט 7, אַבזאַצ צװײ, אינמיטנ, דאָרט, װו

עס רעדט זיך וועגן דעם שאָוויניזם דעם גרוזישן, אזערבײַדזשאנער און, דארף מען ארײַנשטעלן: „ארמעניש שאָוויניזם אא." די ארמענישע כאַווירים האָט זיך פארוואָלט, אז די ארמענער זאָלן ניט בלײַבן באַליידיקט און אז זייער שאָוויניזם זאָל אויך ווערן דערמאָנט.

ווײַטער, אינעם פונקט 8 פון די טעזיסן, נאָך די ווערטער „איינהײַטלעכע אומטיילבארע" דארף מען צוגעבן: „פאר אזא רעזולטאט פון דער אלטער ירושע דארף מען אויך רעכענען דאָס שטרעבן פון אייניקע אמטן אין רספסר אונטערצוווארפן צו זיך די זעלבשטענדיקע קאָמיסאריאטן פון די אווטאָנאָמע רעפובליקן און דורכלייגן א וועג צום ליקווידירן זיי".

ווײַטער אײַנצולייגן אינעם פונקט 8: „און פראָקלאמירנדיק די אבסאָליוטע נויטווענדיקייט פון דער עקזיסטענץ און ווײַטערדיקער אנטוויקלונג פון די נאציאָנאלע רעפובליקן".

ווײַטער. דער פונקט 9 דארף זיך אָנהייבן אזוי, ווי איך וועל דאָ איבערלייענען: „דער פארבאנד פון די רעפובליקן, וואָס איז געשאפן אף די פרינציפן פון גלײַכהייט און פרײַוויליקייט פון די אויבענער און פויערים פון די באזונדערע רעפובליקן, איז דער ערשטער פרווו פון פראָלעטאריאט אין פראט פון איינרעגולירן די צווישנפעלקערלעכע קעגנזײַטיקע באציִונגען צווישן די אומאָפהענגיקע לענדער און דער ערשטער טראָט צום שאפן די צוקינפטיקע אלוועלטלעכע סאָוועטישע ארבעט-רעפובליק".

דער פונקט 10 האָט אן אונטערפונקט „א"; מע האָט צו אים צוגעגעבן אן אונטערפונקט „א" אין אזא פאָרם:

„א) באם אויסבויען די צענטראלע אָרגאנען פון פארבאנד זאָל געזיכערט ווערן די גלײַכהייט פון רעכט און פליכטן פאר די באזונדערע רעפובליקן ווי אין זייערע קעגנזײַטיקע באציִונגען, אזוי אויך אין דער באציִונג צו דער צענטראלער מאכט פון פארבאנד".

ווײַטער וועט גיין דער אונטערפונקט „ב" אין דער פאָרם, ווי עס האָט פריִער געהייסן אונטערפונקט „א":

„ב) אין דער סיסטעם פון די העכסטע אָרגאנען פון פארבאנד זאָל געגרינדעט ווערן א ספעציעלער פאָרשטייערשאפט-אָרגאן פון אלע אָן אויסנאם נאציאָנאלע רעפובליקן און נאציאָנאלע געגנטן אף די יעסוידעס פון גלײַכהייט, ווי ווײַט מעגלעך דיסקאָנטירנדיק די פאָרשטייערשאפט פון אלע נאציאָנאליטעטן, וואָס גייען ארײַן אין באשטאנד פון די דאָזיקע רעפובליקן".

ווײַטער, דער פריִערדיקער אונטערפונקט „ב", איצטיקער אונטערפונקט „ג" אין אזא פאָרם:

„ג) די אויספיר-אָרגאנען פון פארבאנד זאָלן קאָנסטרויִרט ווערן אף

יעסרידעס, וואָס זיכערן דעם רעאַלן אָנטייל אין זיי פון די פאָרשטייער פון די רעפּובליקן און דאָס באַפרידיקן די נויטן און באַדערפעּנישן פון די פעלקער פונעם פאַרבאַנד".

דערנאָך קומט דער זונטערפונקט „ד", א צוזאָב:

„ד) די רעפּובליקן זאָלן באַקומען גענוג ברייטע פינאַנציעלע רעכט און באַזונדערס בודזשעט-רעכט, וואָס זיכערן די מעגלעכקייט אויסצוּווייזן זייער אייגענע מעלוכיש-אַדמיניסטראַטיווע, קולטורעלע אוןווירטשאַפטלעכע איניציאַטיוו".

ווייטער וועט גיין דער אונטערפונקט „ג" אלס אונטערפונקט „ה":

„ה) די אָרגאַנען פון די נאַציאָנאַלע רעפּובליקן און געגנט זאָלן געבויט ווערן דעריקער פון אָרטיקע מענטשן, וואָס קענען די שפּראַך, דעם לעבנשטייגער, די זיטן און געוווינהייטן פון זייער אַנטשפּרעכיקע פעלקער".

ווייטער איז צוגעגעבן א צווייטער אונטערפונקט. דאָס וועט זיין דער אונטערפונקט „ו".

„ו) עס זאָלן ארויסגעגעבן ווערן ספּעציעלע געזעצן, וואָס זיכערן דאָס באַנוצן די מוטערשפּראַך אין אַלע מעלוכישע אָרגאַנען און אין אַלע אַנשטאַלטן, וואָס באַדינען די אָרטיקע אַנדערש-נאַציאָנאַלע באַפעלקערונג און די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן — געזעצן, וואָס פאַרפאָלגן און באַשטראָפן מיט דער גאַנצער רעוואָלוציאָנערער האַרבקייט אַלע די, וואָס ברעכן די נאַציאָנאַלע רעכט און באַזונדערס די רעכט פון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן".

ווייטער, דער פּונקט „ז", אלס צוגאָב:

„ז) עס זאָל פאַרשטאַרקט ווערן די דערציִערישע אַרבעט אין דער רויטער אַרמיי אין גייסט פון איינפּלאַנצן די אידייען פון ברידערלעכקייט און סאָלידאַרישקייט צווישן די פעלקער פון פאַרבאַנד און עס זאָלן אָנגענומען ווערן פּראַקטישע מאָסמיטלען צו אָרגאַניזירן נאַציאָנאַלע מיליטער-טיילן, אָפּהיטנדיק אַלע מיטלען, וואָס זיינען נייטיק אַפּ צו באַוואָרענען די פולע שוצפעיקייט פון די רעפּובליקן".

אָט דאָס זיינען אַלע צוגאָבן, וואָס די סעקציע האָט אָנגענומען און קעגן זיי האָב איך גאָרניט צו דערווידערן, ווייל זיי מאַכן די טעזיסן מער קאָנקרעט. וואָס אָנבאַלאַנגט דעם צווייטן אָפּטייל, איז קיין וויפל-ניט-איז ערנסטע אויסבעסערונגען צום דאָזיקן אָ טייל ניט געמאַכט געוואָרן. עס זיינען געווען אייניקע אומבאַדייטנדיקע אויסבעסערונגען, נאָר די קאָמיסיע, וואָס איז אויסגעקליבן געוואָרן איבער דער נאַציאָנאַלער פראַגע, האָט באַשלאָסן איבערגעבן זיי דעם קאָנעדיקן צ. ק. אַזוי־אַרום בלייבט דער צווייטער טייל אַזוי, ווי ער איז געווען פאַנאַנדערגעטיילט אין די געדרוקטע מאַטעריאַלן.

פּאָרזיצער. א וואָרט אַפּ אַריינצוטראָגן אויסבעסערונגען באַקומט כ' ראַקאָווסקי.

ר א ק אָ ו ו ס ק י. כאַווײרים, איכ טראָג ארײַנ די ערשטע אויסבעסערונג. דערלויבט מיר זי צו מאָטיווירנ. כ׳ סטאַלינ האָט אינ זײַנ ערשטער רעדע, ניט אינ דער הײַנטיקער אנטיטעזיס-רעדע, נאָר אינ זײַנ ערשטער רעדע, ווענ ער האָט מאָטיווירט בּיז די גאָר אופמערקזאַמע באַציִונג צו דער נאַציאָנאַלער פראַגע, האָט ער אָנגעוויזנ, אז אויסער די אומשטענדנ פונ אינערלעכער באַדײַטונג זײַנענ נאָכ פאַראַנ אומשטענדנ פונ אויסערלעכער באַדײַטונג, אונ, אגעוו, האָט ער דאָנ אָנגעוויזנ אפ דער קאָלאָסאַלער באַדײַטונג, וואָס די נאַציאָנאַלע פראַגע וועט האָבנ אינ דער קומענדיקער רעוואָליוציע צוליב דעם אומפאַרמײַדלעכנ צונויפשטויס צווישנ די מיזרעכ-פעלקער מיט די אימפּעריאַליסטישע מעלוכעס פונ מײַרעוו. צו דעם קאָנ מענ נאָכ צוגעבנ אנ אומבאַדײַטנדיקנ כאָמענט, וואָס פאַרפליכטעט אונדז אָבער בּיז גאָר אופמערקזאַם זיכ צו באַציִענ צו דער נאַציאָנאַלער פראַגע בא אונדז גופע: דאָס איז די נאַציאָנאַלע באַוועגונג, וואָס איז פאַראַנ אינ מײַרעוו. צום באַדויערנ אָבער, האָט כ׳ סטאַלינ אינ זײַנע טעזיסנ אפילע קיינ אָנצוהערעניש ניט געגעבנ וועגנ דעם. דאָרט איז גאָרניט פאַראַנ ניט וועגנ מיזרעכ, ניט וועגנ מײַרעוו. אונ הײַנט, אינ דער קאָמיסיע, האָט כ׳ סטאַלינ געזאָגט, אז אויב מיר זאָלנ ארײַנשטעלנ די אויסבעסערונג וועגנ מײַרעוו, וועט קלוימערשט אויסקומענ, אז מיר שוואַכנ א ביסל אָפּ דעם מאָמענט וועגנ מיזרעכ, גלײַכ ווי דער דאָזיקער מאָמענט וואָלט זיכ געפונענ אינ זײַנע טעזיכנ. אָבער דער דאָזיקער מאָמענט איז ניטאָ אינ זײַנע טעזיסנ. אזוי-ארום האַלט איכ פאַר נייטיק, כאַווײרים, אז אינ די טעזיסנ זאָל ווערנ דערמאָנט — אינ דער אָדער אינ יענער רעדאַקציע, איכ שפּאַר זיכ איצט דאָ ניט וועגנ דעם, צום סאָפ פונ דעם אָדער יענעמ טעזיס, דאָס איז שוינ סטאַלינס זאַכ אָדער די זאַכ פונ צ.ק. — זאָל ווערנ דערמאָנט דאָס, וואָס מיר האָבנ די לעצטע צײַט אזוי אָפט געהערט סײַ פונ וולאַדימיר איליטשנ סײַ דאָ, אז קעדיי מיר זאָלנ קאָנענ אפ יענער זײַט גרענעצ פונ אונדזערע ראַטנ-רעפּובליקנ ווערנ דער קאַמפ-צענטער פאַר די אונטערדריקטע נאַציאָנאַליטעטנ, מוזנ מיר אינווייניק בא זיכ, אינ די גרענעצנ פונ אונדזערע ראַטנ-רעפּובליקנ, געבנ א ריכטיקע לייזונג פונ דער נאַציאָנאַלער פראַגע, וואָרעמ אויב מיר וועלנ דאָרט, אפ יענער זײַט גרענעצ, ריידנ וועגנ נאַציאָנאַלער זעלבּסטבאַשטימונג אונ בא זיכ אינווייניק וועלנ מיר דאָס ניט טאָנ, וועט אונדז יעדערער קאָנענ, געווײלעכ, באַשולדיקנ אינ צוויִעס. איכ וויל דערמאָנענ די ווערטער פונ וולאַדימיר איליטשנ: „אונדז איז ניט דערלויבט אינעם דאָזיקנ געביט צו מאַכנ קיינ מינדסטנ פעלער, וואָרעמ ער וואָלט אונטערגעבראָכנ אונדזער פּרינציפּיעלע אופריכטיקייט — דאָס זײַנענ זײַנע ווערטער — אונ וואָלט געקאָנט אונטערײַסנ אויכ אונדזער קאַמפ צו באַשיצנ די אונטערדריקטע פעלקערשאַפטנ קעגנ דעם אימפּעריאַליזמ". דעריבער לייג איכ פאָר אײַנצושליסנ פאָלגנדיקנ טעזיס, הײַנט אינ דער קאָמיסיע

איז דער טעזיס געווענ זייער א גרויסער, מיר האָבנ אים ארויסגענומענ פונ אונדזערע אוקראַינישע טעזיסנ, נאָר איכ האָב אים פארקירצט אונ טראָג אים ארײַנ אינ א פארקירצטער פאָרם:

„די קאָלאָסאלע רעוואָליוציאָנערע באדײַטונג, וואָס עס באקומט דער קאמפ פונ די מיזרעכ-פעלקער אונ פונ די קאָלאָניעס צו באפרײַענ זיכ פונעם דרוק פונ די אימפעריאַליסטישע מעלוכעס, ווי אויכ די ווידער אופגעפלאַקערטע נאציאָנאלע אונטערדריקונג אינ אייראָפע אינ די פארשיידענע אָקופירטע פראָווינצנ לייגט נאָכ מער ארופ אפ דער פארטיי די פליכט דורכצופירנ די ריכטיקע טעאָרעטישע אונ פראַקטישע לייזונג פונ דער נאציאָנאלער פראגע אינ די גרענעצנ פונעם פארבאנד פונ די ראטנ-רעפובליקנ.

בלויז דאָס קאָנטאַקטירנ אפנ שטרענגסטנ אויפנ אונדזער פאָליטיק אינ דער נאציאָנאלער פראגע אינווייניק אינ לאנד מיט יענער פאָליטיק, וואָס מיר פירנ דורכ אינ דער נאצ. פראגע אינ אונדזער מעלוכישער פארטיי-פאָליטיק אפ יענער זײַט גרענעצ, קאָנ געבנ דעם פארבאנד פונ די ראטנ-רעפובליקנ אונ דער קאָמוניסטישער פארטיי יענעמ גוואלדיקנ אווטאָריטעט אונ יענע פרינציפיעלע אויפריכטיקײַט, וואָס וועט זיי אינ דער פולער מאָס פארוואנדלענ אינ א שטיצ-פונקט פונעם קאמפ פונ אלוועלטלעכנ פראָלעטאריאט קעגנ דעם אימפעריאַליזמ".

פאָרזיצער: דאָס וואָרט האָט כ' סטאלינ.

סטאלינ. האגאמ כ' ראקאָווסקי האָט דרײַ מאָל פארענדערט אונ פיר מאָל פארקירצט יענע רעזאָליוציע, וואָס ער האָט געהאט פאָרגעלייגט אינ דער סעקציע, בינ איכ דאָכ אנטשיידנ קעגנ אזא אויסבעסערונג, אונ אָט פארוואָס. אונדזערע טעזיסנ איבער דער נאציאָנאלער פראגע זײַנענ געבויט אזוי, ווי מיר וואָלטנ זיכ אומגעקערט מיטנ פאָנעם צו מיזרעכ, האָבנדיק אינ אויג יענע שווערע רעזערווונ, וואָס דרעמלענ דאָרטנ. די גאנצע נאציאָנאלע פראגע האָבנ מיר אוועקגעשטעלט אינ פארבינדונג מיט איליטשס ארטיקל,* אונ ער האָט, דאכט זיכ, קיינ איינ וואָרט וועגנ מײַרעוו ניט געזאָגט, וואָרעמ ניט דאָרט איז דער צענטער פונ דער נאציאָנאלער פראגע, נאָר אינ די קאָלאָניעס אונ האלב-קאָלאָניעס אינ מיזרעכ. כ' ראקאָווסקי וויל, אז, געבנדיק זיכ א קער צום מיזרעכ, זאָלנ מיר גלײַכצײַטיק זיכ א קער טאָנ צום מײַרעוו אויכ. אָבער דאָס איז דאָכ אומעגלעכ, כאוויירים, אונ אומנאטירלעכ, וואָרעמ מענטשנ קערנ זיכ דאָכ ביכלאל אויס מיטנ פאָנעם אָדער אינ איינ זײַט, אָדער אינ א צווייטער — קערעווענ זיכ אינ איינ אונ דער זעלבער צײַט אינ צוויי זײַטנ קאָנ מענ ניט. מיר קאָנענ ניט אונ דאַרפנ ניט ברעכנ דעם אלגעמיינעם טאָנ

* לענינ „בעסער ווייניקער, נאָר בעסער" (1923), באנד XXVII. — רעד.

פונ די טעזיסנ, זײַער באַזונדער-לײַנ. דאָס באַרויקט איכ דאָלט, אַז כ׳ ראַקאָוו-
סקיס פאַרבעסערונג דאַרפ מענ אָפּוואַרפנ.

פּאַריזער: כאַווער ריט, איכ וויל נאָר צופּעטיכענ יענע אויסבעסערונ-
גענ, וואָס די קאָמיסיע האָט אָנ שום שטרײַט אָנגענומענ. דערנאָכ די אויס-
בעסערונגענ, וואָס כ׳ סטאַלינ אויפט אָפּ אונ כ׳ ראַקאָווסקי לייגט פאָר.
ווער איז פאַר די אויסבעסערונגענ, וואָס כ׳ סטאַלינ האָט אַרײַנגעטראָגנ? א
באַדײַטנדיקע מערהייט. ווער שטיצט כ׳ ראַקאָווסקיס אויסבעסערונג? ווער
איז קעגנ? די אויסבעסערונג ווערט אָפּגעוואָרפנ. כ׳ ראַקאָווסקי האָט נאָכ
אַנ אויסבעסערונג.

ראַקאָווסקי. כאַווײַרים, די צווייטע אויסבעסערונג האָט נאָכ א גרע-
סערע באַדײַטונג (האָגאַמ די ערשטע אויסבעסערונג האָט אויכ געהאַט א
גרויסע באַדײַטונג). די צווייטע אויסבעסערונג האָט א באַדײַטונג פאַר אונדז אינ-
ווייניק. איר האַלטנ — איכ זאָג דאָס אינ נאָמענ פונ אַלע אוקראַינישע כאַווײַ-
רים — אַז עס איז הײַנט אינ דער סעקציע באַגאַנגענ געוואָרנ דער גרעסטער
פעלער, ווענ מע האָט אָנגענומענ כ׳ סטאַלינס פאָרמולירונג וועגנ דער צוויי-
פּאַלאַטעס-סיסטעמ. פריער פונ אַלצ, כאַווײַרים, מעלד איכ, קעדיי צו באַזײַטיקנ
יעכווידנ שטרײַט, אַז מיר זײַנענ אַנטשיידנסטע נאָכהענגער פונ א צוויי-פּאַלא-
טעס-סיסטעמ. אַלזאָ, ניט וועגנ דעמ גייט עס, נאָר וועגנ עפּעס אַנדערש. צו-
ליב וואָס איז געשאַפנ די צוויי-פּאַלאַטעס-סיסטעמ? צוליב דעמ, אַז זי זאָל
געבנ גאַראַנטיעס פאַר די באַזונדערע רעפּובליקנ. דאָס איז דער זינ פונ דער
צוויי-פּאַלאַטעס-סיסטעמ. אָבער בײַ דעמ באַשלוס, וואָס איז הײַנט אָנגענומענ
געוואָרנ, וועט די צוויי-פּאַלאַטעס-סיסטעמ ניט נאָר ניט געבנ אונדז, די
באַזונדערע רעפּובליקנ, קיינ שומ גאַראַנטיע, נאָר פאַרקערט, זי פאַרפעסטיקט
נאָכ מער די סיסטעמ, וואָס איז איצט פאַראַנ — א סיסטעמ, וואָס דריקט זיכ
אויס אינ דעמ, וואָס פונ די 360 דעפּוטאַטנ בײַ אונדז אינ צאַק געהערנ 280
אונ עפּעס מער צו רספסר. 80 האָבנ אַלע אומאָפּהענגיקע רעפּובליקנ אינאיינעמ
גענומענ... וואָס האָט הײַנט באַשלאָסנ די קאָמיסיע? זי האָט באַשלאָסנ אַזוי: אַז
אינ דער אויסגעקליבענער צווייטער פּאַלאַטע וועלנ אַלע נאַציאָנאַליטעטנ — איכ ווענד
אײַער אויפמערקזאַמקייט אויפנ דאָזיקנ וואָרט — אַלע נאַציאָנאַליטעטנ זיכ באַטיי-
ליקנ מיט א גלײַכער צאָל שטימענ. אַזוי אַרומ וועט יעדע פונ די 15 אויטאָנאָמע
רעפּובליקנ אונ געגנטנ אינ רספסר האָבנ צו 4 שטימענ. דער צענטראַלער ראַ-
יאָנ וועט האָבנ 4 שטימענ, אוקראַינע וועט האָבנ 4 שטימענ, די דרײַ טראַנס-
קאַווקאַזער רעפּובליקנ וועלנ האָבנ צו 4 שטימענ, אונ ווײַסרוסלאַנד וועט
האָבנ 4 שטימענ. וואָס-זשע באַקומט זיכ? עס באַקומט זיכ טאַקע, אַז פּראַק-
טיש וועט רספסר האָבנ 64 אָדער 70 שטימענ, אוקראַינע וועט האָבנ 4 שטי-
מענ, ווײַסרוסלאַנד — 4 שטימענ. געוויס, בײַמ כ׳ סטאַלינ שאַפט זיכ זייער א

גינסטיקע לאגע און ער קאָן זאָגן: „איך אנערקען אלע נאציאָנאליטעטן, און איר, זעט איר, ווילט קירגיזיע ניט אנערקענען".

(שטימען: „ריכטיק!")

נאָר אויב אזוי, טאָ דערלויבט מיר אייך זאָגן: איך בין גרייט אונטערצושרייבן דעם ראדיקאלסטן פּראָיעקט כ' סטאלינס, אויב ער פארלאנגט, אז קירגיזיע, טורקעסטאן און אלע אנדערע אויטאָנאָמע רעפּובליקן זאָלן ווערן אומאָפּהענגיקע רעפּובליקן. דענלט ווערט יעדע פון זיי אויסגעגלייכן אפ גלייכע יעסודעס אין אָט דער צווייטער פאלאטע. אָבער וואָס באקומט זיך דאָ? צוליב וואָס שאפט זיך אָט די צווייטע פאלאטע? מע שאפט זי צוליב דעם, קעדיי די באזונדערע רעפּובליקן זאָלן לויט זייערע נויטן און זייער שטייער-פייִקייט באקומען הילף פון דער צענטראלער סמעטע, און דאן ווערט אויסקומען, אז אלע אויטאָנאָמע רעפּובליקן האָבן איין סמעטע פון רספסר, אז זיי האָבן איינע צענטראלע קאָמיסאריאטן פון רספסר, אז זיי האָבן איין געמיינזאמען פאָלקווירטראט פון רספסר, — אז זיי זיינען אויטאָנאָמיש פארבונדן מיט רספסר. און עס באקומט זיך, אז אין איין צימער פון צאַק גייען זיי אלע לויט איין באשטימטער ליניע, דערנאָך גייען זיי אין צווייטן צימער און זאָגן: זיי זיינען אומאָפּהענגיקע און באזונדערע רעפּובליקן. ניין, דערלויבט, קוים וועלן זיי זיין אומאָפּהענגיקע, דאן זיינען זיי בעעמעס אומאָפּהענגיק און דאן רייסט איבער די פארבינדונג מיט דער פעדעראציע. איך האלט, אז בא אונדזער פארשיידענעם גראד פון קולטורעלקייט און פּאָליטישער אנטוויקלונג מוז מען איינהיטן די פעדעראציע, און דאן מוז מען זאָגן, אז אין דער צווייטער פאלאטע גייען אריין ניט נאציאָנאליטעטן, נאָר מעלוכישע פארייניקונגען. און מיר האָבן שוין לאנג געזאָגט דעם כ' סטאלין, אז מיר, אוקראינע, ווילן ניט האָבן קיין גלייכע צאָל שטימען מיט רספסר. ניין, מיר זיינען א כאך באשיידענער, מיר וואָלטן זיין צופרידן, ווען רספסר זאָל זיך צופרידנשטעלן אין דער דאָזיקער פאלאטע ניט מער ווי מיט $^2/_5$ שטימען און זאָל די דאָזיקע $^2/_5$ שטימען פאנאנדערטיילן צווישן די פארשיידענע רעפּובליקן. דאָס איז זיין זאך. נאָר אויב רספסר מיינט צו ווייזן א ביישפּיל פון ליבעראליזם און פון דעמאָקראטישן נאציאָנאליזם, וואָס מיט אים אָפּערירט כ' סטאלין קעגן אונדזער צוויי-פאלאטעס-סיסטעם, טאָ זאָל רספסר שאפן בא זיין צאַק א צווייטע פאלאטע, וווהין די דאָזיקע רעפּובליקן וואָלטן געוואָרן איינגעלאדן.

אויב מיר דערווידערן אנטשיידן קעגן כ' סטאלינס פארשלאָג, איז דאָס ניט דערפאר, וואָס לעפּאָכעס אין דעם פאל איז בא אונדז דאָס געפיל פון גלייכהייט קלענער, ווי בא אנדערע. אויב איר ווילט ריידן מיט אן אָפענער און ערלעכער שפּראך, דארף מען ניט שאפן קיין צווייטע פאלאטע

און מע דארפ ניט ריידנ, אז די חעט זיכ אנטוויקלענ אפ דער באזע פונ די געזיכערטע רעכט פאר באזונדערע רעפובליקנ, דעריבער שטיצ איכ פאלגנדיקע אויסבעסערונגענ: „קיינ איינע פונ די מעלוכע-פארייניקונגענ, וואס גייענ ארײנ אינ דער צווייטער פאלאטע, טאר ניט האבנ מער, ווי $^2/_5$ פונ אלע שטימענ".

סטאלינ. איכ רעכנ, אז די דאזיקע אויסבעסערונג איז א קארדינאלע לויט איר באדייטונג. אויב דער צוזאמענפאר וועט זי אננעמענ, מוז איכ זאגנ, אז די טעזיסנ וועלנ איבערגעקערט ווערנ מיטנ קאפ אראפ. כ' ראקאווסקי לייגט פאר צו קאנסטרוירנ די צווייטע פאלאטע אזוי, אז אהינ זאלנ ארײנגייג פארטרעטער פונ די מעלוכישע פאראייניקונגענ. ער רעכנט אז אוקראינע איז א מעלוכישע פאראייניקונג און באשקיריע ניט. פארוואס? מיר האבנ דאכ די ראטנ-מאכט אינ די רעפובליקנ ניט פארניכטעט. איז דענ דער באשקירישער צאק ניט קיינ מעלוכישער אנשטאלט?! און מיט וואס איז באשקיריע ניט קיינ מעלוכע? צי וועט דענ אוקראינע אופהערנ זײנ א מעלוכע נאכ דעמ, ווי זי וועט ארײנ אינ פארבאנד? דער מעלוכע-פעטישיזמ האט דעמ כ' ראקאווסקי אראפגעפירט פונ וועג. אויב די נאציאנאליטעטנ זײנענ גלײכ לויט זייערע רעכט, אויב זיי האבנ א שפראכ, זיטנ, א שטייגער, געוווינהייטנ, אויב די דאזיקע נאציאנאליטעטנ האבנ באשאפנ זייערע מעלוכישע אנשטאלטנ — צאק, ראטנ-פאלקאמ — איז דענ דערפונ ניט קלאר, אז די אלע נאציאנאלע אויסבילדונגענ זײנענ מעלוכישע פאראייניקונגענ? איכ האלט, אז מיר קאנענ ניט אפטרעטנ פונעמ שטאנדפונקט פונ גלײכהייט פאר אלע רעפובליקנ און נאציאנאליטעטנ אינ דער צווייטער פאלאטע, איבערהויפט בענעגייע די מיזרעכ-נאציאנאליטעטנ. כ' ראקאווסקי, ווי ס'ווייזט אויס, איז פארכאפט פונ דער פרײסישער סיסטעמ פונ בויענ די פעדעראציע. די דײטשישע פעדעראציע איז געבויט אזוי, אז קיינ גלײכהייט צווישנ די מעלוכעס איז לאכלוטנ ניט פאראנ. איכ לייג פאר אזוי אוועקצושטעלנ די זאכ, אז גלײכצײטיק מיט דער קלאסנ-פארטרעטערשאפט, — דאס איז די ערשטע פאלאטע, וואס ווערט אויסגעקליבנ אפ דעמ אלפארבאנדישנ צוזאמענפאר פונ די ראטנ, — זאל בא אונדז זײנ אויכ א פארטרעטערשאפט פונ די נאציאנאליטעטנ אפ די יעסוידעס פונ גלײכהייט. די מיזרעכ-פעלקער, וואס זײנענ ארגאניש פארבונדנ מיט כינע, מיט אינדיע, פארבונדנ מיט זיי דורכ דער שפראכ, רעליגיע, מינהאגימ אדג., זײנענ וויכטיק פאר דער רעוואליוציע פריער פאר אלצ. דאס ספעציפישע געוויכט פונ די אלע קליינע פעלקערשאפטנ איז א סאכ א העכערע, ווי דאס ספעציפישע געוויכט פונ אוקראינע.

אויב מיר וועלנ אינ אוקראינע באגיינ א קליינעמ פעלער, וועט ער

ניט זײַנ אזוי פּילבאַר פאַרנ מיזרעכ. ס'איז אָבער גענוג צו באַגײַנ אײנ קלײנינקנ פעלער אינ אזא קלײנ לאַנד, ווי ארדזשאַניסטאַנ (120 טויזנט אײַנוווינער), וועט זיכ דאָס גלײַכ אָפּרופנ אפ טערקײַ אונ וועט אָפּקלינגענ איבערנ גאַנצנ מיזרעכ, וואָרעמ טערקײַ איז אפנ ענגסטנ אויפנ צונויפגעבונדנ מיטנ מיזרעכ. ס'איז גענוג צו דערלאָזנ א קלײנינקנ פעלער בענעגײַע דער קלײנינקער געגנט פונ די קאַלמיקנ, וואָס זײַנענ פאַרבונדנ מיט טיבעט אונ מיט כינע, אונ דאָס וועט זיכ אָפּרופנ אפ אונדזער ארבעט א סאַכ ערגער, ווי א פעלער בענעגײַע אוקראַינע. מיר שטײענ פאַר דער פּערספּעקטיוו פונ א מעכטיקער באַוועגונג אפנ מיזרעכ אונ מיר מוזנ ריכטנ אונדזער גאַנצע ארבעט פריער פאַר אלצ לויט דער ליניע פונ דער דערוואַכונג פונ מיזרעכ אונ ניט פאַרנעמענ קײנ שום זאַכ אזא, וואָס וואָלט אפילע נאָר אינ א ווײַטער מאָס, אפילע נאָר אומדירעקט פאַרמינערט די באַדײַטונג פונ יעדער באַזונדערער, סאַמע קלענסטער פעלקערשאַפט אינ די מיזרעכדיקע ראַנדגעביטנ. אָט פאַרוואָס איכ רעכנ, אז ס'וואָלט געווענ גערעכטער, צוועקמעסיקער אונ רעוואָליוציאָנער־לויטבאַרער פונ שטאַנדפּונקט פונ פאַרוואַלטנ מיט אזא גרויסנ לאַנד, ווי דער פאַרבאַנד פונ די רעפּובליקנ, וואָס האָט 140 מיליאָנ אײַנוווינער, — אז עס וואָלט געווענ פיל בעסער אײַנצואָרדענענ אזוי, אז דאָרטנ, אינ דער צווײטער פּאַלאַטע, זאָל זײַנ א גלײַכע פאָרשטײערשאַפט פונ אלע רעפּובליקנ אונ נאַציאָנאַלע געגנטנ. אווטאָנאָמע רעפּובליקנ האָבנ מיר 8, אומאָפּהענגיקע — אויכ 8, רוסלאַנד וועט ארײַנ אלס רעפּובליק, געגנטנ האָבנ מיר 14, אונ אָט דאָס וועט זײַנ אָט די צווײטע פּאַלאַטע, וואָס וועט אָפּשפּיגלענ אלע באַדערפענישנ אונ נויטנ פונ די נאַציאָנאַליטעטנ אונ וועט פאַרגרינגערנ דאָס פאַרוואַלטנ מיט אזא גרויסנ לאַנד. אָט פאַרוואָס איכ רעכנ, אז כ' ראַקאָווסקיס אויסבעסערונג דאַרפ מענ אָפּוואַרפנ.

פּאָרזיצער. ווער שטיצט כ' ראַקאָווסקיס אויסבעסערונג? ווער איז קעגנ? די אויסבעסערונג איז אָפּגעוואָרפנ. א וואָרט האָט כ' סטאַלינ.

סטאַלינ. כאַווײרימ, בעשאַס איכ האָב אײַכ פאָרגעטראָגנ וועגנ דער ארבעט פונ דער סעקציע איבער דער נאַציאָנאַלער פראַגע, האָב איכ פאַרגעסנ צו דערמאָנענ נאָכ וועגנ צווײ צוגאָבנ, וואָס ניט דערמאָנענ וועגנ זײ קאָנ מענ ניט. צום פּאַראַגראַפ 1 אינעמ פּונקט „ב“, ווו עס רעדט זיכ, אז עס זאָל באַשטעטיקט ווערנ א ספּעציעלער אָרגאַנ פאַר דער פאָרשטײערשאַפט פונ אלע אָנ אויסנאַמ נאַציאָנאַלע רעפּובליקנ אונ נאַציאָנאַלע געגנטנ אפ די פּרינציפּנ פונ גלײַכהײַט, דאַרפ מענ צוגעבנ: „ווי ווײַט מעגלעכ דיסקאָנטירנ אלע נאַציאָנאַליטעטנ, וואָס גײענ ארײַנ אינ באַשטאַנד פונ די דאָזיקע רעפּובליקנ, מאַכמעס דעמ, וואָס אינ אײניקע רעפּובליקנ, וועלכע וועלנ זײַנ פאָרגעשטעלט אינ דער צווײטער פּאַלאַטע,

זײַנען פאראַן צו עטלעכע נאַציאָנאַליטעטן". צום בײַשפּיל, טורקעסטאַן. דאָרט איז אויסער אוזבעקן פאַראַן טורקמענער, קירגיזן און אַנדערע פעלקערשאַפטן, און ס'איז נייטיק אַזוי צונויפצושטעלן די פאָרשטייערשאַפט, אַז יעדע פון די דאָזיקע פעלקערשאַפטן זאָל זײַן פאָרגעשטעלט.

דער צווייטער צוגאָב צום 2־טן אַפּטייל, גאָר צום סאָף. דאָ ווערט געזאָגט:

„צוליב דער גרויסער וויכטיקײַט, וואָס עס האָט די טעטיקײַט פון די פאַראַנטוואָרטלעכע טוער אין די אויטאָנאָמע און אומאָפּהענגיקע רעפּובליקן און אין די ראַנד־געביטן בכלל (פאַרווירקלעכן די פאַרבינדונג פון די אַרבעטנדיקע פון דער געגעבענער רעפּובליק מיט די אַרבעטנדיקע פונעם גאַנצן איבעריקן פאַרבאַנד), באַופטראָגט דער צוזאַמענפאָר דעם צ.ק. צו זאָרגן וועגן אַ באַזונדערס שטרענגן אָפּקלײַב פון די דאָזיקע טוער אַזוי, אַז זייער באַשטאַנד זאָל פולקום זיכערן דאָס ווירקלעכע דורכפירן אין לעבן די באַשלוסן פון דער פּאַרטיי אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע".

נאָכדעם אַ פּאָר ווערטער וועגן כ' ראַדעקס אַ באַמערקונג אין זײַן רעדע, וועגן דעם בעטן מיך די כאַווײרים אַרמענער. די דאָזיקע באַמערקונג אַנטשפּרעכט ניט, לויט מײַן מיינונג, דער ווירקלעכקײַט. כ' ראַדעק האָט דאָ גערעדט וועגן דעם, אַז די אַרמענער אונטערדריקן אָדער זיי קאָנען אונטערדריקן אין אַזערבײַדזשאַן די אַזערבײַדזשאַנער, און פאַרקערט, אַז די אַזערבײַדזשאַנער קאָנען אונטערדריקן די אַרמענער אין אַרמעניע. איך מוז מעלדן, אַז אַזעלכע דערשײַנונגען זײַנען בכלל אין דער נאַטור ניט פאַראַן. עס איז פאַראַן אַ פאַרקערטע דערשײַנונג, אַז אין אַזערבײַדזשאַן אונטערדריקן די אַזערבײַדזשאַנער, אַלס מערהײַט, די אַרמענער און קוילען זיי, ווי דאָס איז געווען אין נאַכיטשעוואַן, וווּ מע האָט אויסגעקוילעט אַלע אַרמענער. די אַרמענער באַ זיך אין אַרמעניע קוילען אויס אַלע טאָטערן. אַזוי איז געווען אין זאַנגעזור. אָבער אַז אין אַ פרעמדער מעלוכע זאָלן קוילען די יעניקע, וועלכע באַזיצן אַ מינדערהײַט, — אַזעלכע אומנאַטירלעכע זאַכן זײַנען קיינמאָל ניט פאָרגעקומען.

רעזאָליוציע פונ XII צוזאמענפאָר איבער דער נאציאָנאלער פראגע

I

1. די אנטוויקלונג פונעם קאפיטאליזמ האָט נאָכ אינ פאָריקנ יאָרהונדערט אנטפלעקט די טענדענצ צו אינטערנאציאָנאליזירנ די אויפאנימ פונ פראָדוקציע אונ אויסטויש, צו פארניכטנ די נאציאָנאלע אָפגעשלאָסנקייַט, צו דערנעענטערנ ווירטשאפטלעכ די פעלקער אונ באהאדראָגע צו פארייניקנ קאָלאָסאלע טעריטאָריעס אינ איינ געבונדנ גאנצעס. די וויַטערדיקע אנטוויקלונג פונ קאפיטאליזמ, די אנטוויקלונג פונעם וועלט־מארק, די איַנאָרדענונג פונ גרויסע יאמ־אונ איַזנבאנ־וועגנ, דער עקספאָרט פונ קאפיטאל אאוו. האָבנ נאָכ מער פארשטארקט די דאָזיקע טענדענצ אונ האָבנ צונויפגעבונדנ די פארשיידנארטיקסטע פעלקער מיט פעדעמ פונ צווישנפעלקערלעכער ארבעט־צעטיילונג אונ אלזיַטיקער קעגנזיַטיקער אָפהענגיקייַט. אפ וויפל דער דאָזיקער פראָצעס פלעגט אָפשפיגלענ די קאָלאָסאלע אנטוויקלונג פונ די פראָדוציר־קויכעס, אפ וויפל ער פלעגט פארגרינגערנ די פארניכטונג פונ דער נאציאָנאלער אָפגעזונדערטקייַט אונ די קעגנזעצלעכקייַט אינ די אינטערעסנ פונ פארשיידענע פעלקער, איז ער געווענ אונ פארבליַבט א פראָצעס א פראָגרעסיווער, וויַל ער גרייט צו די מאטעריעלע פאָרבאדינגונגענ פונ דער צוקינפטיקער סאָציאַליסטישער וועלט־ווירטשאפט.

2. די דאָזיקע טענדענצ האָט זיכ אָבער אנטוויקלט אינ אייגנארטיקע פאָרמענ, וואָס אנטשפרעכנ לאכלוטנ ניט איר אינערלעכנ היסטאָרישנ זינ. די קעגנזיַטיקע אָפהענגיקייַט פונ די פעלקער אונ די ווירטשאפטלעכע פארייניקונג פונ די טעריטאָריעס האָט זיכ אינ גאנג פונ דער אנטוויקלונג פונעם קאפיטאליזמ איַנגעשטעלט ניט דורכ צוזאמענארבעט פונ די פעלקער, אלס גליַכבארעכטיקע איינסנ, נאָר אינ סיידער פונ אונטערווארפנ איינע פעלקער צו די צווייטע, אינ סיידער פונ אונטערדריקנ אונ עקספלואטירנ די ווייניקער אנטוויקלטע פעלקער מיצאד די מער אנטוויקלטע פעלקער. קאָלאָניאלע

רויבערײַענ אונ פאַרכאַפּונגענ, נאַציאָנאַלער יאָכ אונ אומגלײַכהײַט, אימפּעריאַליסטישער ווילקיר אונ גוואַלד, קאָלאָניאַלע שקלאַבערײַ אונ נאַציאָנאַלע רעכטלאָזיקײַט, ענדלעכ, דער קאַמפּ פונ די „ציוויליזירטע" נאַציעס צווישנ זיכ פאַר דער הערשאַפט איבער די „ניט־ציוויליזירטע" פעלקער — אָט דאָס זײַנענ יענע פאָרמענ, וואָס אינ זייערע ראַמענ איז פאָרגעקומענ דער פּראָצעס פונ ווירטשאַפטלעכער דערנעענטערונג צווישנ די פעלקער. דעריבער איז צוגלײַכ מיט דער פאַרייניקונג־טענדענצ געוואָקסנ די טענדענצ צו פאַרניכטנ די צוואַנג־פאָרמענ פונ דער דאָזיקער פאַרייניקונג, דער קאַמפּ צו באַפרײַענ די אונטערדריקטע קאָלאָניעס אונ די אָפּהענגיקע נאַציאָנאַליטעטנ פונ אימפּעריאַליסטישנ יאָכ. אַפ וויפל אָט די צווייטע טענדענצ האָט אויסגעדריקט דעמ צאָרנ פונ די אונטערדריקטע מאַסנ קעגנ די אימפּעריאַליסטישע פאָרמענ פונ דער פאַרייניקונג, אַפ וויפל זי האָט געפאָדערט צו פאַראייניקנ די פעלקער אַפ יעסוידעס פונ צוזאַמענאַרבעט אונ פרײַוויליקנ בונד, איז זי געווענ אונ פאַרבלײַבט אַ טענדענצ אַ פּראָגרעסיווע, ווײַל זי גרייט צו די גײַסטיקע פאָרבאַדינגונגענ פאַר דער צוקינפטיקער סאָציאַליסטישער וועלט־ווירטשאַפט.

3. דער קאַמפּ צווישנ די דאָזיקע צוויי גרונט־טענדענצנ, וואָס זײַנענ אויסגעדריקט אינ פאָרמענ אייגנטימלעכע פאַרנ קאַפּיטאַליזמ, האָט אינ דער לעצטער העלפט יאָרהונדערט אָנגעפילט די געשיכטע פונ די בורזשואַזע פיל־נאַציאָנאַלע מעלוכעס. דער אומבעשאָלעמדיקער ווידערשפּרוכ צווישנ די דאָזיקע טענדענצנ אינ די ראַמענ פונ דער קאַפּיטאַליסטישער אנטוויקלונג איז געוואָרנ דער גרונט פונ אינערלעכנ באַנקראָט אונ פונ דער אָרגאַנישער ניט־שטאַנדהאַפטיקײַט פונ די בורזשואַזע קאָלאָניאַלע מעלוכעס. אומפאַרמײַדלעכע קאָנפליקטנ אינעווייניק אינ אַזוינע מעלוכעס אונ אומפאַרמײַדלעכע מילכאָמעס צווישנ אַזוינע מעלוכעס, די צעפאַלונג פונ די אַלטע קאָלאָניאַלע מעלוכעס אונ דער אויפקומ פונ נײַע, אַ נײַער געיעג נאָכ קאָלאָניעס אונ אַ נײַע צעפאַלונג פונ די פיל־נאַציאָנאַלע מעלוכעס, וואָס ברענגט צומ איבערשנײַדנ אָפּדאָסנײַ די פּאָליטישע קאַרטע פונ דער וועלט, — אָט דאָס זײַנענ די רעזולטאַטנ פונעמ דאָזיקנ גרונט־ווידערשפּרוכ. פונ איינ זײַט, די צעפאַלונג פונעמ אַלטנ רוסלאַנד, פונ עסטרײַכ־אונגאַרנ אונ טערקײַ, פונ דער צווייטער זײַט, די געשיכטע פונ אַזוינע קאָלאָניאַלע מעלוכעס, ווי גרויס־בריטאַניע אונ דאָס אַלטע דײַטשלאַנד; ענדלעכ די „גרויסע" אימפּעריאַליסטישע מילכאָמע אונ דער וווּקס פונ דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג פונ די קאָלאָניאַלע אונ ניט־פולבאַרעכטיקע פעלקער — אָט די אַלע אונ ענלעכע פאַקטנ ריידנ באַשײַמפּערלעכ וועגנ דער ניט־שטאַנדהאַפטיקײַט אונ ניט־פעסטקײַט פונ די פיל־נאַציאָנאַלע בורזשואַזע מעלוכעס.

אפ אזא אויפנ האָט דער אומבעשאָלעמדיקער ווידערשפרוכ צווישנ דעמ פראָצעס פונ ווירטשאפטלעכנ פאראייניקנ די פעלקער אונ דעמ אימפע־ריאַליסטישנ אויפנ פונ דער דאָזיקער פאר יניקונג פּאָרויסבאשטימט די אומפייקייט, אומבאהאָלפנקייט אונ אָנמעכטיקייט פונ דער בורזשואזיע צו געפינענ דעמ ריכטיקנ צוגאנג צו לייזנ די נאציאָנאלע פראגע.

4. אונדזער פארטיי האָט דיסקאָנטירט די דאָזיקע אומשטענדנ אונ האָט געלייגט אינ גרונט פונ איר פּאָליטיק אינ דער נאציאָנאלער פראגע דאָס רעכט פונ די נאציעס אפ זעלבסטבאשטימונג, דאָס רעכט פונ די פעלקער אפ זעלבשטענדיקער מעלוכע־עקזיסטענצ. שוינ אינ די ערשטע טעג פונ איר עקזיסטענצ, אפ איר ערשטנ צוזאמענפאָר (אינ 1898 יאָר), ווענ די ווידערשפרוכנ אינעמ קאפיטאליזמ לויט דער ליניע פונ דער נאציאָנא־לער פראגע האָבנ נאָכ ניט באוויזנ זיכ אויסצופורעמענ מיט אנ אויסשעפנ־דיקער קלאָרקייט, האָט די פארטיי אנערקענט פאר די נאציאָנאליטעטנ דאָס דאָזיקע ניט־אָפּנעמבארע רעכט. שפּעטער האָט זי קעסיידער באשטעטיקט איר נאציאָנאלע פראָגראמ אינ ספּעציעלע באשטימונגענ אונ באשלוסנ אפ אירע צוזאמענפאָרנ אונ קאָנפערענצנ הארט ביז דער אָקטיאבער־איבערקערעניש. די אימפעריאַליסטישע מילכאָמע אונ אינ פארבינדונג מיט איר די מעכטי־קע רעוואָליוציאָנערע באוועגונג אינ די קאָלאָניעס האָט פונדאָסנײַ באשטע־טיקט די באשלוסנ פונ דער פארטיי איבער דער נאציאָנאלער פראגע. דער זינ פונ די דאָזיקע באשלוסנ באשייט: א) אינ אנטשיידענעמ אָפּוואַרפנ אלע אונ אלערליי צוואנג-פאָרמענ בענעגייע נאציאָנאליטעטנ; ב) אינ אנערקענענ די גלייכהייט אונ סוווערעניטעט פונ די פעלקער אינ פראט פונ איינאָרדענענ זייער גורל; ג) אינ אנערקענענ די גרונטלאגע, אז א פעסטע פאראייניקונג פונ פעלקער קאָנ ווערנ דורכגעפירט בלויז אפ די יעסוידעס פונ צוזאמענ־ארבעט אונ פרייוויליקייט; ד) אינ פראָקלאמירנ יענעמ עמעס, אז פאר־ווירקלעכנ אזא מינ פאראייניקונג איז מעגלעכ בלויז אלס רעזולטאט פונ אראָפּוואַרפנ די מאכט פונ קאפיטאל.

אָט די נאציאָנאלע באפרייונג־פראָגראמ איז אונדזער פארטיי ניט מיד געוואָרנ אנטקעגנצושטעלנ אינ איר ארבעט סיי קעגנ דער אויסגעשפראָכנ אונטער־דריקערישער פּאָליטיק פונעמ צאריזמ סיי קעגנ דער האלביקער, האלב־אימפעריאַליסטישער פּאָליטיק פונ די מענשעוויקעס אונ עסערנ. אויב די רוסיפיקאטורישע פּאָליטיק פונעמ צאריזמ האָט געשאפנ אנ אָפּגרונט צווישנ דעמ צאריזמ אונ די נאציאָנאליטעטנ אינעמ אלטנ רוסלאנד, אונ די האלב־אימפעריאַליסטישע פּאָליטיק פונ די מענשעוויקעס אונ עסערנ האָט געבראכט צו דעמ, אז די בעסערע עלעמענטנ פונ די דאָזיקע נאציאָנאליטעטנ זייַנענ אָפּגעטראָטנ פונ דער קערענסקיאדע, האָט די באפרייונג־פּאָליטיק פונ אונ־

דזער פארטיי געווונען פאר דער פארטיי מיטגעפיל און אונטערשטיצונג בא די ברייטע מאסן פון די דאָזיקע נאציאָנאַליטעטן אין איר קאמף קעגן דעם צאריזם און קעגן דער אימפעריאַליסטישער רוסישער בורזשואזיע. עס איז קימאט קיין צווייפל ניט, אז אָט דאָס מיטגעפיל און אָט די שטיצע איז געווען איינער פון די אנטשיידנדיקע מאָמענטן, וואָס האָבן פאָרויסבא־שטימט דעם זיג פון אונדזער פארטיי אין די אָקטיאבער־טעג.

5. די אָקטיאבער־רעוואָליוציע האָט אונטערגעצויגן די פראקטישע סא־כאקלען פון די באשלוסן פון אונדזער פארטיי אין דער נאציאָנאַלער פרא־גע. אראָפּווארפנדיק די מאכט פון די גוטבאזיצער און קאפּיטאַליסטן, די גרונט־טרעגער פון נאציאָנאַלן יאָך, און אוועקשטעלנדיק בא דער מאכט דעם פּראָלעטאריאט, האָט די אָקטיאבער־רעוואָליוציע מיט איין קלאַפּ צע־ריסן די קייטן פון נאציאָנאַלער אונטערדריקונג, איבערגעקערט די אלטע באציִונגען צווישן די פעלקער, אונטערגעריסן דעם אלטן נאציאָנאַלן האס, אָפּגערייניקט דעם באָדן פאר א צוזאמענארבעט פון די פעלקער און האָט געווונען פארן רוסישן פּראָלעטאריאט דעם צוטרוי פון זיינע ברידער פון אנדערע נאציאָנאַליטעטן ניט בלויז אין רוסלאנד, נאָר אויך אין אייראָפּע און אין אזיע. ס'איז איבעריק צו דערווייזן, אז אָן אזא צוטרוי וואָלט דער רוסישער פּראָלעטאריאט ניט געקאָנט באזיגן קאָלטשאקן און דעניקי־נען, יודעניטשן און וורואנגעלן. פון דער צווייטער זייט, איז קיין צווייפל ניט, אז די אונטערדריקטע נאציאָנאַליטעטן וואָלטן זיך ניט געקאָנט דער־שלאָגן צו זייער באפרייונג, ווען אין צענטער פון רוסלאנד זאָל ניט גע־ווען איינגעשטעלט ווערן די דיקטאטור פון פּראָלעטאריאט. די נאציאָנאַלע פיינטשאפט און נאציאָנאַלע צוזאמענשטויסן זיינען אומפארמיידלעך און אומ־אָפּווענדבאר, קאָלזמאן דער קאפּיטאַל איז בא דער מאכט, קאָלזמאן די קליינבורזשואזיע און פריִער פאר אלץ דאָס פּויערטום פון דער גע־וועזענער „גרויס־מעלוכישער“ נאציע, פול מיט נאציאָנאַליסטישע פאָרורטיילן גייען נאָך די קאפּיטאַליסטן, און, פארקערט, דעם נאציאָנאַלן שאָלעם און די נאציאָנאַלע פרייהייט קאָן מען רעכענען פאר געזיכערט, אויב דאָס פּויערטום און די איבעריקע קליינבירגערלעכע שיכטן גייען מיטן פּראָלעטא־ריאט, ד. ה. אויב ס'איז געזיכערט די דיקטאטור פון פּראָלעטאריאט. דע־ריבער איז דער ניצחון פון די ראטן און די פארפעסטיקונג פון דער דיקטאטור פון פּראָלעטאריאט יענע באזע, יענער פונדאמענט, וואָס אף זיין גרונט קאָן ווערן אויסגעבויט די ברידערלעכע צוזאמענארבעט פון די פעל־קער אין איינהייטלעכן מעלוכישן בונד.

6. די רעזולטאטן פון דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע ווערן אָבער ניט אויסגעשעפּט מיטן פארניכטן דעם נאציאָנאַלן יאָך, מיטן שאפן דעם באָדן

פאר דער פארייניקונג פונ די פעלקער. אינ גאנג פונ דער דאָזיקער אנטוויקלונג האָט די אָקטיאבער־רעוואָליוציע אויסגעארבעט אויכ די פאָרמענ פונ דער דאָזיקער פארייניקונג, אָנגעמערקט די גרונט־ליניעס, לויט וועלכע עס דארפ זיכ בויענ די פארייניקונגענ פונ די פעלקער אינ איינ פאר־באנדישער מעלוכע. אינעמ ערשטנ פעריאָד פונ דער רעוואָליוציע, ווענ די האָרעפאשנע מאסנ פונ די נאציאָנאליטעטנ האָבנ צומ ערשטנ מאָל זיכ דערפילט ווי זעלבשטענדיקע נאציאָנאלע גרייסנ, אינ דער צייט, ווענ די געפאר פונ אנ אויסלענדישער אינטערווענצ איז נאָכ ניט געווענ קיינ רעאלע געפאר, האָט די צוזאמענארבעט פונ די פעלקער נאָכ ניט געהאט קיינ פולשטענדיק באשטימטע, שטרענג איינגעשטעלטע פאָרמ. אינעמ פעריאָד פונ בירגערקריג און אינטערווענצ, ווענ די אינטערעסנ פונ מיליטערישנ זעלבשוצ זיינענ פאר די נאציאָנאלע רעפובליקנ ארויסגעטראָטנ אפנ ערשטנ פלאנ, אינ דער צייט, ווענ די פראגעס פונ ווירטשאפטלעכער בויונג זיינענ נאָכ ניט געשטאנענ אינ טאָג-אָרדענונג, האָט די צוזאמענארבעט אָנגענומענ די פאָרמ פונ א מיליטערישנ בונד. ענדלעכ, אינעמ נאָכמילכאָמע-פעריאָד, ווענ די פראגעס פונ אופשטעלנ די פראָדוצירקויכעס, וואָס די מילכאָמע האָט רויִנירט, האָבנ זיכ געשטעלט אינ דער ערשטער ריי, איז דער מיליטערישער בונד דערגאנצט געוואָרנ מיט א ווירטשאפטלעכנ בונד. דאָס פארייניקנ די נאציאָנאלע רעפובליקנ אינ א פארבאנד פונ ראטנ־רעפובליקנ איז דער שלוס־עטאפ אינ דער אנטוויקלונג פונ די פאָרמענ פונ צוזאמענארבעט, וואָס האָבנ דאָס מאָל אָנגענומענ דעמ כאראקטער פונ א מיליטעריש-ווירטשאפטלעכער און פאָליטישער פארייניקונג פונ די פעלקער אינ אנ איינהייטלעכער פיל־נאציאָנאלער ראטנ־מעלוכע.

אזויארומ האָט דער פראָלעטאריאט געפונענ אינ דער ראטנ־אָרדענונג דעמ שליסל צו דער ריכטיקער לייזונג פונ דער נאציאָנאלער פראגע, ער האָט אנטדעקט אינ אימ דעמ וועג צומ אָרגאניזירנ א שטאנדהאפטיקע פיל־נאציאָנאלע מעלוכע אפ יעסוידעס פונ נאציאָנאלער גלייכבארעכטיקונג און פרייוויליקייט.

7. נאָר געפינענ דעמ שליסל צו דער ריכטיקער לייזונג פונ דער נאציאָנאלער פראגע הייסט נאָכ ניט לייזנ זי אינגאנצנ און אויסשעפנ ענדגילטיק די דאָזיקע לייזונג אינ איר קאָנקרעטער פראקטישער פארווירקלעכונג. קעדיי ריכטיק דורכפירנ אינ לעבנ די נאציאָנאלע פראָגראמ, וואָס די אָקטיאבער־רעוואָליוציע האָט ארויסגערוקט, איז נאָכ נייטיק בייצוקומענ די שטערונגענ, וואָס זיינענ אונדז געבליבנ בעיערושע פונעמ דורכגעגאנגענעמ פעריאָד פונ נאציאָנאלנ דרוק און וואָס קאָנענ ניט בייגעקומענ ווערנ אינ א קורצנ טערמינ מיט איינ קלאפ.

די דאָזיקע יערושע באשטייט, ערשטנס, אינ די איבערבלײַבעכצנ פונ גרויסרוסישנ שאָוויניזמ, וואָס איז די אָפּשפּיגלונג פונ דער אמאָליקער פּריווילעגירטער לאגע פונ די גרויכרוסנ. די דאָזיקע איבערבלײַבעכצנ לעבנ נאָכ אינ די מויכעס בא אונדזערע סאָוועטישע טוער, צענטראלע אונ אָרטיקע, זיי נעסטנ זיכ נאָכ אינ אונדזערע מעלוכע־אנשטאלטנ, צענטראלע אונ אָרטיקנ, זיי באקומענ אונטערשטיצונג אינ דער פאָרמ פונ די „נײַע" סמענאָוועכישע גרויסרוסיש־שאָוויניסטישע שטימונגענ, וואָס פארשטארקנ זיכ אלצ מער אינ צוזאמענהאנג מיטנ „נעפּ". פּראקטיש דריקנ זיי זיכ אויס אינ דער גײַוועדיק־ביטלדיקער, אומענטשלעכ־ביוראָקראטישער באציונג פונ די רוסישע ראטנ-טשינאָווניקעס צו די נויטנ אונ באדערפענישנ פונ די נאציאָנאלע רעפּובליקנ. די פיל־נאציאָנאלע ראטנ־מעלוכע וועט קאָנענ ווערנ א ווירקלעכ פעסטע, אונ די צוזאמענארבעט פונ די פעלקער אינ דער מעלוכע א ווירקלעכ ברידערלעכע נאָר אינ דעמ פאל, אויב אָט די איבערבלײַבעכצנ וועלנ אנטשיידנ אונ אפ שטענדיק אויסגעראָטנ ווערנ אינ דער פּראקטיק פונ אונדזערע מעלוכישע אנשטאלטנ. די לאגע אינ א ריי נאציאָנאלע רעפּובליקנ (אוקראינע, ווײַסרוסלאנד, אזערבײַדזשאנ, טורקעסטאנ) ווערט קאָמפּליצירטער מיט דעמ, וואָס א באדײַטנדיקער טייל פונעמ ארבעטער־קלאס, וועלכער איז דער גרונט־אָנשפּאר פונ דער ראטנמאכט, געהערט צו דער גרויסרוסישער נאציאָנאליטעט. אינ די דאָזיקע ראיאָנענ באגעגנט דער צוזאמענשלוס צווישנ שטאָט אונ דאָרפ, צווישנ דעמ ארבעטער־קלאס אונ פויערטומ די שטארקסטע שטערונג אינ די איבערבלײַבעכצנ פונ גרויסרוסישנ שאָוויניזמ ווי אינ די פּארטייִשע, אזוי אויכ אינ די סאָוועטישע אָרגאנענ. בא אזעלכע באדינגונגענ זײַנענ די רייד וועגנ די פאָרצוגנ פונ דער רוסישער קולטור אונ דאָס ארויסרוקנ די האנאָכע וועגנ דעמ אומפארמײַדלעכנ זיג פונ דער העכערער רוסישער קולטור איבער די קולטורנ פונ די מער אָפּגעשטאנענע פעלקער (פונ דער אוקראינער, אזערבײַדזשאנער, אוזבעקישער, קירגיזישער אא.) ניט קיינ אנדער זאכ, ווי א פּרווו צו פארפעסטיקנ די הערשאפט פונ דער גרויסרוסישער נאציאָנאליטעט. דעריבער איז דער אנטשיידענער קאמפ קעגנ די איבערבלײַבעכצנ פונעמ גרויסרוסישנ שאָוויניזמ אנ ערשטרייִקע אופגאבע פאר אונדזער פּארטיי.

די דאָזיקע יערושע באשטייט, צווייטנס, אינ דער פאקטישער, ד. ה.ווירטשאפטלעכער אונ קולטורעלער, אומגלײַכהײַט פונ די נאציעס אינעמ רעפּובליקנ־פארבאנד. די רעכטלעכע נאציאָנאלע גלײַכהײַט, וואָס די אָקטיאבער־רעוואָלוציע האָט אויסגעקעמפט, איז א גרויסע דעראָבערונג פאר די פעלקער, נאָר זי אליינ פאר זיכ לייזט נאָכ ניט די גאנצע נאציאָנאלע

פראגע. א רײ רעפובליקנ אונ פעלקער, וואָס זײַנענ ניט דורכגעגאנגענ
אָדער קימאט ניט דורכגעגאנגענ דעמ קאפּיטאליזמ, וואָס האָבנ ניט אָדער
האָבנ קימאט ניט קײנ אײגענעמ פּראָלעטאריאט, וואָס זײַנענ דעריבער הינטער-
שטעליק אינ ווירטשאפטלעכער אונ קולטורעלער הינזיכט, זײַנענ ניט
אימשטאנד אײַנגאנצנ אויסנוצנ די רעכט אונ מעגלעכקײַטנ, וואָס עס גיט
זײ די נאציאָנאלע גלײַכבארעכטיקונג, זײ זײַנענ ניט אימשטאנד אופצו-
הײבנ זיכ אפּ א העכערער אנטוויקלונג-שטופּע אונ אזויארומ דעריאָגנ
די פאָרגעשריטענע נאציאָנאליטעטנ, אויב זײ זאָלנ ניט באקומענ א דוי-
ערנדיקע אונ ווירקלעכע הילפ פונ אויסנ. די סיבעס פונ אָט דער פאקטישער
אומגלײַכהײַט שטעקנ ניט בלויז אינ דער געשיכטע פונ די דאָזיקע פעל-
קער, נאָר אויכ אינ דער פּאָליטיק פונעמ צאריזמ אונ פונ דער רוסישער
בורזשואזיע, וואָס האָבנ געשטרעבט צו פארוואנדלענ די ראנד-געביטנ אינ
אויסשליסלעכ רויווארגערישע ראיאָנענ, וואָס זײַנענ עקספּלואטירט געוואָרנ
פונ די אינדוסטריעל אנטוויקלטע צענטראלע ראיאָנענ. בײַקומענ די דאָזי-
קע אומגלײַכהײַט אינ א קורצנ טערמינ, ליקווידירנ די דאָזיקע ירושע
אינ אײנעמ — צוויי יאָר איז ניט מעגלעכ. נאָכ דער X צוזאמענפאָר פונ
אונדזער פּארטײ האָט פארצײכנט, אז „פארניכטנ די פאקטישע נאציאָנאלע
אומגלײַכהײַט איז א דויערנדיקער פּראָצעס, וואָס פאָדערט אקשאָנעסדיקנ,
אײַנגעשפּארטנ קאמפ קעגנ אלע איבערבלײַבעכצנ פונ נאציאָנאלנ דרוק אונ
קאָלאָניאלער שקלאפערײַ". אָבער בײַקומענ מוז מענ זי אומבאדינגט. אונ
בײַקומענ זי קאָנ מענ נאָר מיט ווירקלעכער אונ דויערנדיקער הילפ מיצאד
דעמ רוסישנ פּראָלעטאריאט פאר די אָפּגעשטאנענע פעלקער פונ פארבאנד
אינ הינזיכט פונ זײער ווירטשאפטלעכנ אונ קולטורעלנ פאָרשריט. די
דאָזיקע הילפ דארפ זיכ אינ דער ערשטער רײ אויסדריקנ אינ אָנעמענ
א רײ פּראקטישע מיטלענ אפּ אויסבילדנ אינ די רעפובליקנ פונ די
פריער אונטערדריקטע נאציאָנאליטעטנ אינדוסטריעלע נעסטנ, מאקסימאל
ארײַנציִענדיק די אָרטיקע באפעלקערונג. ענדלעכ, דארפ די דאָזי-
קע הילפ גײנ, לויט דער רעזאָלוציע פונ X צוזאמענפאָר, פּאראלעל מיטנ
קאמפ פונ די האָרעפּאשנע מאסנ צו פארפעסטיקנ זײערע סאָציאלע פּאָ-
זיציעס קעגנ די אָרטיקע אונ אָנגעקומענע עקספּלואטאטערישע אויבער-
שיכטנ, וואָס פארשטארקנ זיכ אינ צוזאמענהאנג מיטנ נעפּ. אפּ וויפל די
דאָזיקע רעפובליקנ זײַנענ דעריקער לאנדווירטשאפטלעכע ראיאָנענ, דארפנ
די אינערלעכע סאָציאלע מאָסמיטלענ פריער פאר אלצ גײנ מיטנ ווענ טונ
באטײלנ די האָרעפּאשנע מאסנ מיט ערד אפּנ כעזשבנ פונעמ פרײַענ מע-
לוכע-פאָנד. אָנ דעמ איז ניטאָ קײנ גרונט צו רעכענענ, אז מע וועט
אײַנאָרדענענ א ריכטיקע אונ פעסטע צוזאמענארבעט פונ די פעלקער אינ

די ראמענ פונ דער איינהייטלעכער פארבאנדישער מעלוכע. דעריבער איז דער קאמפ פארנ ליקווידירנ די פאקטישע אומגלייכהייט פונ די נאציאָנאליטעטנ דער קאמפ פארנ אופהייבנ דעמ קולטורעלנ אונ ווירטשאפטלעכנ ניוואָ פונ די הינטערשטעליקע פעלקער די צווייטע אָרדנטלעכע אופגאבע פונ אונדזער פארטיי.

ענדלעכ, באשטייט די דאָזיקע יערושע אינ איבערבלייבעכצנ פונ נאציאָנאליזמ אינ דער סוויווע פונ א גאנצער ריי פעלקער, וואָס זיינענ דורכגעגאנגענ דעמ שווערנ יאָכ פונ נאציאָנאלנ דרוק אונ האָבנ נאָכ ניט באוויזנ צו באפרייענ זיכ פונעמ געפיל פונ דער אַלטער נאציאָנאלער באליידיקונג. דער פראקטישער אויסדרוק פונ די דאָזיקע איבערבלייבעכצנ איז די געוויסע נאציאָנאלע פארפרעמדקייט אונ דאָס אויספעלנ פונ א פולקערמענעמ צוטרוי בא די פריִער אונטערדריקטע פעלקער צו די מאָסמיטלענ, וואָס קומענ פונ די רוסנ. דאָכ, אינ אייניקע רעפובליקנ, וואָס האָבנ אינ זייער באשטאנד עטלעכע נאציאָנאליטעטנ, ווערט דער דאָזיקער נאציאָנאליזמ אָפטמאָל פארוואנדלט אינ אנ אָנגרייפערישנ נאציאָנאליזמ, אינ א פארביסענעמ שאָוויניזמ מיצאד דער שטארקערער נאציאָנאליטעט, געווענדט קעגנ די שוואכע נאציאָנאליטעטנ פונ די דאָזיקע רעפובליקנ. דער גרוזישער שאָוויניזמ (אינ גרוזיע), וואָס איז געווענדט קעגנ די ארמענער, אָסעטינער, אדזשארער אונ אבכאזער, דער אזערביידזשאנער שאָוויניזמ (אינ אזערביידזשאנ), וואָס איז געווענדט קעגנ די ארמענער, דער אוזבעקישער שאָוויניזמ (אינ בוכארע אונ כאָרעזמ), וואָס איז געווענדט קעגנ די טורקמענער אונ קירגיזנ; דער ארמענישער שאָוויניזמ אאזו., — די אלע מינימ שאָוויניזמ, וואָס ווערנ נאָכ דערצו דערמוטיקט דורכ די באדינגונגענ פונ נעפ אונ קאָנקורענצ, זיי זיינענ דאָס גרעסטע בייז, וואָס דראָעט צו פארוואנדלענ אייניקע נאציאָנאלע רעפובליקנ אינ אנ ארענע פונ רייסערייענ אונ אינטריגעס. ס'איז ניטאָ וואָס צו ריידנ, אז די אלע דערשיינונגענ טאָרמאָזירנ די פאקטישע פאריינקונג פונ די פעלקער אינ איינ מעלוכישנ פארבאנד. אפ וויפל די איבערבלייבעכצנ פונ נאציאָנאליזמ זיינענ אנ אייגנארטיקע פאָרמ פונ באשיצנ זיכ קעגנ דעמ גרויסרוסישנ שאָוויניזמ, איז דער אנטשיידענער קאמפ קעגנ גרויסרוסישנ שאָוויניזמ דאָס זיכערסטע מיטל אפ בייצוקומענ די נאציאָנאליסטישע איבערבלייבעכצנ. אפ וויפל אָבער די דאָזיקע איבערבלייבעכצנ ווערנ פארוואנדלט אינ אנ אָרטיקנ שאָוויניזמ, וואָס איז געווענדט קעגנ די שוואכע נאציאָנאלע גרופעס אינ באזונדערע רעפובליקנ, איז דער דירעקטער קאמפ קעגנ זיי א כויוו פאר די פארטיי-מיטגלידער. דעריבער איז דער קאמפ קעגנ די נאציאָנאליסטישע איבערבלייבעכצנ אונ פריִער פונ אלצ קעגנ די שאָוויניסטישע פאָרמענ פונ די דאָזיקע איבערבלייבעכצנ די דריטע אָרדנטלעכע אופגאבע פאר אונדזער פארטיי.

8. פאר אײנעמ פונ די העלע אויסדרוקנ פונ דער יערושע פונעמ אלטנ דארפ מענ פארעכענענ דעמ פאקט, וואָס דער פארבאנד פונ די רעפובליקנ ווערט אָפּגעשאצט פונ א באדײַטנדיקנ טײל ראטנ-טשינאָווניקעס אינ צענטער אונ אפ די ערטער ניט ווי א בונד פונ גלײַכע מעלוכישע אײנסנ, וואָס איז באַרופנ צו זיכערנ די פרײַע אנטוויקלונג פונ די נאציאָנאלע רעפובליקנ, נאָר ווי א טראָט צו ליקווידירנ די דאָזיקע רעפובליקנ, ווי אנ אָנהײב פונ אויסבילדנ די אזויגערופענע „אײנהײַטלעכע אומטײלבארע".

פאר אזא רעזולטאט פונ דער אלטער יערושע דארפ מענ אויכ רעכענענ דאָס שטרעבנ פונ אײניקע אמטנ אינ רספסר אונטערצוּוואַרפנ צו זיכ די זעלבשטענדיקע קאָמיסאריאטנ פונ די אווטאָנאָמע רעפובליקנ אונ דורכלײגנ א וועג צומ ליקווידירנ זײ.

פארורטײלנדיק אזא מינ פארשטײנ, ווי אנ אנטיפּראָלעטארישע אונ רעאקציאָנערע, אונ פּראָקלאמירנדיק די אבסאָליוטע נויטווענדיקײַט פונ דער עקזיסטענצ אונ ווײַטערדיקער אנטוויקלונג פונ די נאציאָנאלע רעפובליקנ, רופט דער צוזאמענפאָר די פּארטײ־מיטגלידער שטרענג נאָכצושפּירנ, אז דאָס פארײניקנ די רעפובליקנ אונ דאָס צונויפגיסנ די קאָמיסאריאטנ זאָל ניט אויסגענוצט ווערנ פונ די שאָוויניסטיש־געשטימטע ראטנ־טשינאָווניקעס ווי א צודעק פאר זײערע פּרוּוונ צו איגנאָרירנ די ווירטשאפטלעכע אונ קולטורעלע נויטנ פונ די נאציאָנאלע רעפובליקנ. די צונויפגיסונג פונ די קאָמיסאריאטנ איז אנ עקזאמענ פארנ ראטנ־אפּאראט: אויב דער דאָזיקער פּרוּוו זאָל אינ דער פּראקטיק באקומענ א גרויסמעכטישע ריכטונג, וואָלט די פּארטײ געווענ געצווּונגענ אָנצונעמענ קעגנ אזא פארקרימונג די אנטשײדנדיקסטע מיטלענ ביז שטעלנ די פראגע וועגנ איבערקוקנ די צונויפגיסונג פונ אײניקע קאָמיסאריאטנ, ביז וואַנענ דער ראטנ־אפּאראט וועט ניט ווערנ ווי געהעריק איבערדערצויגנ אינ גײַסט פונ ווירקלעכ פּראָלעטארישער אונ ווירקלעכ ברידערלעכער אופמערקזאמקײַט צו די נויטנ אונ באדערפעניש פונ די קלײנע אונ אָפּגעשטאנענע נאציאָנאליטעטנ.

9. דער פארבאנד פונ די רעפובליקנ, וואָס איז געשאפנ אפ די פּרינציפּנ פונ גלײַכהײַט אונ פרײַוויליקײַט פונ די ארבעטער אונ פּויערימ פונ די באזונדערע רעפובליקנ, איז דער ערשטער פּרוּוו פונ פּראָלעטאריאט אינ פּראט פונ אײַנרעגולירנ די צווישנפעלקערלעכע קעגנזײַטיקע באציִונגענ צווישנ די אומאָפּהענגיקע לענדער אונ דער ערשטער טראָט צומ שאפנ די צוקינפטיקע אלוועלטלעכע סאָוועטישע ארבעט־רעפובליק. אפ־וויפל דער פארבאנד פונ די רעפובליקנ איז א נײַע פאָרמ פונ צוזאמענלעבנ פונ פעלקער, א נײַע פאָרמ פונ זײער צוזאמענארבעט אינ אנ אײנהײַטלעכער פארבאנדישער מעלוכע, וואָס אינ אירע ראמענ דארפנ אינ פּראָצעס פונ דער געמײנ־

זאמער ארבעט פונ די פעלקער אויסגעלעבט ווערנ די אויבנ באשריבענע איבערבלײַבעכצנ, מוזנ די העכסטע אָרגאנענ פונעם פארבאנד זײַנ געבויט אזוי, אז זיי זאָלנ אײַנגאנצנ אָפּשפּיגלענ ניט בלויז די אלגעמיינע נויטנ אונ באדערפעניִשנ פונ אלע נאציִאָנאליטעטנ אינ פארבאנד, נאָר אויכ די ספּעציִעלע נויטנ אונ באדערפעניִשנ פונ די באזונדערע נאציִאָנאליטעטנ. דעריבער איז צוגלײַכ מיט די עקזיסטירנדיקע צענטראלע אָרגאנענ פונ פארבאנד, וואָס זײַנענ די פאָרשטייערשאפט פונ די האָרעפּאשנע מאסנ פונ גאנצנ פארבאנד, אומאָפּהענגיק פונ נאציִאָנאליטעטנ, דארפ געשאפנ ווערנ א ספּעציִעלער פאָרשטייערשאפט־אָרגאנ פאר די נאציִאָנאליטעטנ אפ די יעסוידס פונ גלײַכהײַט. אזא געבוי פונ די צענטראלע אָרגאנענ פונ פארבאנד וואָלט געגעבנ די פולע מעגלעכקײַט זיכ פּינקטלעכ צוצוהערנ צו די נויטנ אונ באדערפעניִשנ פונ די פעלקער, באצײַטנס געבנ זיי די נייטיקע שטיצע, שאפנ אנ אומגעבונג פונ פולנ קעגנזײַטיקנ צוטרוי אונ אזוי־ארום אמווייניקסטנ שמערצלעכ ליקווידירנ די אויבנ דערמאָנטע ירושע.

10. ארויסגייענדיק פונ דעם געזאָגטנ, רעקאָמענדירט דער צוזאמענפאָר די מיטגלידער פונ דער פּארטיי אלס פּראקטישע מאָסמיטלענ זיכ צו דערשלאָגנ, אז:

א) באם אויסבויענ די צענטראלע אָרגאנענ פונעם פארבאנד זאָל געזיכערט ווערנ די גלײַכהײַט פונ רעכט אונ פליכטנ פאר די באזונדערע רעפּובליקנ ווי אינ זייערע קעגנזײַטיקע באציִונגענ, אזוי אויכ אינ דער באציִונג צו דער צענטראלער מאכט פונעם פארבאנד;

ב) אינ דער סיסטעם פונ די העכסטע אָרגאנענ פונ פארבאנד זאָל געגרינדעט ווערנ א ספּעציִעלער פאָרשטייערשאפט-אָרגאנ פונ אלע אָנ אויסנאם נאציִאָנאלע רעפּובליקנ אונ נאציִאָנאלע געגנטנ אפ די יעסוידעס פונ גלײַכהײַט, ווי ווײַט מעגלעכ דיסקאָנטירנדיק די פאָרשטייערשאפט פונ אלע נאציִאָנאליטעטנ, וואָס גייענ ארײַנ אינ באשטאנד פונ די דאָזיקע רעפּובליקנ.

ג) די אויספיר־אָרגאנענ פונ פארבאנד זאָלנ קאָנסטרויִרט ווערנ אפ יעסוידעס, וואָס זיכערנ דעם רעאלנ אָנטייל אינ זיי פונ די פאָרשטייער פונ די רעפּובליקנ אונ דאָס באפרידיקנ די נויטנ אונ באדערפעניִשנ פונ די פעלקער פונעם פארבאנד.

ד) די רעפּובליקנ זאָלנ באקומענ גענוג ברייטע פינאנציִעלע רעכט, באזונדערס בודזשעט־רעכט, וואָס זיכערנ די מעגלעכקײַט ארויסצוווײַזנ זייער אייגענע מעלוכיש־אדמיניסטראטיווע, קולטורעלע אונ ווירטשאפטלעכע איניציִאטיוו.

ה) די אָרגאנענ פונ די נאציִאָנאלע רעפּובליקנ אונ געגנטנ זאָלנ

געבויט ווערנ דעריקער פונ אָרטיקע מענטשנ, וואָס קענענ די שפּראַכ, דעמ לעבנשטייגער, די זיטנ אונ געוווינהייטנ פונ די אנטשפּרעכיקע פעלקער;

ו) עס זאָלנ ארויסגעגעבנ ווערנ ספּעציִעלע געזעצנ, וואָס זיכערנ דאָס באנוצנ די מוטערשפּראַכ אינ אלע מעלוכישע אָרגאנענ אונ אינ אלע אנשטאלטנ, וואָס באדינענ די אָרטיקע אנדערש־נאציִאָנאלע באפעלקערונג אונ די נאציִאָנאלע מינדערהייטנ — געזעצנ, וואָס פארפאָלגנ אונ באשטראָפנ מיט דער גאנצער רעוואָליוציִאָנערער הארבקייט אלע די, וואָס ברעכנ די נאציִאָנאלע רעכט אונ באזונדערס די רעכט פונ די נאציִאָנעלע מינדערהייטנ.

ז) עס זאָל פארשטארקט ווערנ די דערציִערישע ארבעט אינ דער רויטער ארמיי אינ גייסט פונ איינפלאנצנ די אידייענ פונ ברידערלעכקייט אונ סאָלידארישקייט צווישנ די פעלקער פונ פארבאנד אונ עס זאָלנ אָנגענומענ ווערנ פּראקטישע מאָסמיטלענ צו אָרגאניזירנ נאציִאָנאלע מיליטער־טיילנ, אָפּהיטנדיק אלע מיטלענ, וואָס זיינענ נייטיק אפּ צו באוואָרענענ די פולע שוצפייִקייט פונ די רעפּובליקנ.

II

1. די אנטוויקלונג פונ אודזערע פארטיי־אָרגאניזאציעס אינ דער מערהייט נאציִאָנאלע רעפּובליקנ קומט פאָר אינ די באדינגונגענ, וואָס זיינענ ניט אינגאנצנ גינסטיק פאר זייער וווקס אונ פארפעסטיקונג. די עקאָנאָמישע אָפּגעשטאנענקייט פונ אָט די רעפּובליקנ, די קליינצאָליקייט פונ נאציִאָנאלנ פּראָלעטאריאט, די ניט־גענוגנדיקייט אָדער אפילע דאָס אויספעלנ פונ קאדרענ אלטע פארטיי־טוער פונ אָרטיקע מענטשנ, דאָס אויספעלנ פונ ערנסטער מארקסיסטישער ליטעראטור אפּ דער מוטערשפּראַכ, די שוואכקייט פונ דער פארטייִש־דערציִערישער ארבעט, ענדלעכ, די פאראנענע איבערבלייבעכצנ פונ ראדיקאל־נאציִאָנאליסטישע טראדיציעס, וואָס האָבנ נאָכ אלצ ניט באוויזנ אויסצולופטערנ זיכ, האָבנ געשאפנ בא א טייל אָרטיקע קאָמוניסטנ א באשטימטנ אָפּנייג אינ דער זייט פונ איבערשאצנ די נאציִאָנאלע באזונדערקייטנ, אינ דער זייט פונ ניט־דערשאצנ די קלאסנ־אינטערעסנ פונ פּראָלעטאריאט, אנ אָפּנייג צומ נאציִאָנאליזמ. די דאָזיקע דערשיינונג ווערט באזונדערס געפערלעכ אינ די רעפּובליקנ מיט עטלעכע נאציִאָנאליטעטנ, ווו זי נעמט אָנ אָפּטמאָל בא די קאָמוניסטנ פונ דער שטארקערער נאציִאָנאליטעט די פאָרמ פונ אנ אָפּנייג צומ שאָוויניזמ, וואָס איז מיט זיינ שארפּ געווענדט קעגנ די קאָמוניסטנ פונ דער שוואכערער נאציִאָנאליטעט (גרוזיע,

אוזערבײַדזשאַנ, בוכאַרע, כאָרעזם). דער אָפּנייג צום נאַציאָנאַליזם איז שעדלעכ אינ דער הינזיכט, וואָס ער טאָרמאָזירט דעם פּראָצעס פונ אַרויס־באַפרײַענ דעם נאַציאָנאַלנ פּראָלעטאַריאַט פונ אונטער דער אידייִשער ווירקונג פונ דער נאַציאָנאַלער בורזשואַזיע, ער פאַרשווערט די זאַכ פונ באַהעפטנ די פּראָלעטאַריער פונ די פאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטנ אינ אנ אײנהײַטלעכער אינטערנאַציאָנאַלער אָרגאַניזאַציע.

2. פונ דער צווייטער זײַט, דאָס, וואָס עס זײַנענ פאַראַנענ פילצאָליקע קאַדרענ אַלטע פאַרטיי־טוער פונ רוסישער אָפּשטאַמונג סײַ אינ די צענטראַלע אַנשטאַלטנ פונ דער פאַרטיי, אַזוי אויכ אינ די אָרגאַניזאַציעס פונ די קאָמפּאַרטייענ אינ די נאַציאָנאַלע רעפּובליקנ, וואָס זײַנענ ניט באַקאַנט מיט די זיטנ, געוווינהײַטנ אונ שפּראַכ פונ די האָרעפּאַשנע מאַסנ אינ די דאָזיקע רעפּובליקנ אונ וואָס זײַנענ דעריבער ניט שטענדיק פילבאַר צו זייערע באַדערפענישנ, האָט געשאַפנ אינ אונדזער פאַרטיי אנ אָפּנייג אינ דער זײַט פונ ניט־דערשאַצנ די נאַציאָנאַלע באַזונדערקײַטנ אונ די נאַציאָנאַלע שפּראַכ אינ דער פאַרטיי־אַרבעט, א גײַוועדיק־ביטלדיקע באַציִונג צו די דאָזיקע באַזונדערקײַטנ, אנ אָפּנייג צום גרויסרוסישנ שאָוויניזם. דער דאָזיקער אָפּנייג איז שעדלעכ ניט נאָר דערמיט, וואָס ער טאָרמאָזירט די אויסבורעמונג פונ קאָמוניסטישע קאַדרענ פונ אָרטיקע מענטשנ, וואָס קענענ די נאַציאָנעלע שפּראַכ, אונ שאַפט דערמיט א געפאַר, אַז די פאַרטיי זאָל זיכ אָפּרײַסנ פונ די פּראָלעטאַרישע מאַסנ אינ די נאַציאָנאַלע רעפּובליקנ, נאָר פריִער פאַר אַלצ איז ער שעדלעכ דערמיט, וואָס ער נערט אונ כאָוועט אויס דעמ אויבנ געשילדערטנ אָפּנייג צום נאַציאָנאַליזם, פאַרשווערנדיק דעם קאַמפּ קעגנ אים.

3. דער צוזאַמענפאָר פאַרורטײלט בײדע אָפּנייגנ, ווי שעדלעכע אונ געפערלעכע פאַר דער זאַכ פונ קאָמוניזם, ווענדט די אויפמערקזאַמקײַט פונ די פאַרטיי־מיטגלידער אַפ דעם באַזונדערנ שאָדנ אונ באַזונדערער געפאַר פונעם אָפּנייג צום גרויסרוסישנ שאָוויניזם אונ רופט די פאַרטיי וואָס גיכער צו ליקווידירנ די דאָזיקע איבערבלײַבעכצנ פונעם אַלטנ אינ אונדזער פאַרטיי־בויונג.

אַלס פּראַקטישע מאָסמיטלענ באַאויפטראָגט דער צוזאַמענפאָר דעם צ.ק. דורכצופירנ:

א) שאַפנ מאַרקסיסטישע קרײַזנ פונ העכערנ טיפּ פונ אָרטיקע פאַרטיי־טוער פונ די נאַציאָנאַלע רעפּובליקנ;

ב) אַנטוויקלענ די פּרינציפּיעלע מאַרקסיסטישע ליטעראַטור אַפ דער מוטערשפּראַכ;

ג) פארשטארקן דעם אוניווערסיטעט פון די מיזרעך־פעלקער און זײַנע אָפּטיילן אפ די ערטער;

ד) שאפן בא די צ.ק. פון די נאצקאָמפּארטייען אינסטרוקטערישע גרופּעס פון אָרטיקע טוער;

ה) אנטוויקלען די פּארטייִשע מאסן־ליטעראטור אפ דער מוטער־שפּראך;

ו) פארשטארקן די פּארטייִשע דערציִונג־ארבעט אין די רעפּובּליקן;

ז) פארשטארקן די ארבעט צווישן דער יוגנט אין די רעפּובּליקן.

4. צוליב דער גרויסער וויכטיקײַט, וואָס עס האָט די טעטיקײַט פון די פאראנטוואָרטלעכע טוער אין די אווטאָנאָמע און אומאָפּהענגיקע רעפּובּליקן און אין די ראנד־געביטן ביכלאל (פּארווירקלעכן די פארבינדונג פון די ארבעטנדיקע פון דער געגעבענער רעפּובּליק מיט די ארבעטנדיקע פונעם גאנצן איבעריקן פארבאנד), באופטראָגט דער צוזאמענפאָר דעם צ.ק. צו זאָרגן וועגן א באזונדערס שטרענגן אָפּקלײַב פון די דאָזיקע טוער אזוי, אז זייער באשטאנד זאָל פולקום זיכערן דאָס ווירקלעכע דורכפירן אין לעבן די באשלוסן פון דער פּארטיי אין דער נאציאָנאלער פראגע.

אינהאלט

זײַט	
וועגנ די נאציאָנאלע מאָמענטנ אינ דער פארטיי- אונ מעלוכע-בויונג	3
שלוס - וואָרט	27
רעזאָליוציע פונ XII צוזאמענפאָר איבער דער נאציאָנאלער פראגע	43

Редактор Шпрах. Техн. ред. И. Тененбаум.
Сдано в производство 22/X—33. Подписано к печати 15/XI—33.
Бумага 82×110 1/32, 1 3/4 п. л. 72.000 п. зн. в п. л. „Эмес" 273.
Тираж 5000. Уп. Главлита В—65536.

Тип. изд-ва „Дер Эмес", Москва, Покровка, 9. Зак. № 871.